STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01282

# GEKLIBENE LIDER

Isaac Reingold

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Herb Resnick*
*in honor of*
*Jerome Resnick*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארלאג
ל.מ.שטיין
שיקאגא

יצחק ריינגאָלד

# געקליבענע לידער

מיט אַן הקדמה פון

א. מאַרגאָלין

פאַרלאַג ל. מ. שטיין שיקאַגאָ

COPYRIGHT 1952 BY
ALFRED TOOMIM REINGOLD
CHICAGO, ILLINOIS

**GEKLIBENE LIEDER**
**ISAAC REINGOLD**
L. M. STEIN, PUBLISHER
CHICAGO

PRINTED IN U. S. A
INTERNATIONAL PRINTING COMPANY
557



יצחק ריינגאָלד (תאומים)

געבוירן 1873 — געשטאָרבן 1903

# פאַרוואָרט צו דער זאַמלונג געקליבענע לידער פון יונג־פאַרשטאָרבענעם פאָלקס־דיכטער

די אייגנאַרטיקע קאַלירפולע שאַפונג פון פאָלקס־דיכטער יצחק ריינגאָלד (פסעוודאָנים פון י. תאומים), וועלכער האָט מער ווי אַ דריטל פון זיין לעבן געווידמעט זיין „אָרימער אידישער מוזע" — האָבן אין דער אַמעריקאַנער אידישער אימיגראַציע פון זיין עפּאָכע — מיט איבער 50 יאָר צוריק און מיט יאָרן שפּעטער — געשפּילט אַ גוואַלדיגע קולטור־דערציערישע ראָלע צווישן די אידישע מאַסן פון לאַנד און ספּעציעל צווישן דער אומאָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט, וועלכע האָט געשקלאַפט און געשמאַכטעט אין די „סוועטשעפּער" לאַנגע שטונדן פאַר אַ הונגערלוין.

ביי היינטיקן טאָג האָבן ריינגאָלד'ס פאָלקסטימלעכע לידער, וועלכע זיינען צענדליקער יאָרן געזונגען געוואָרן אין די לופט־און־ליכטלאָזע וואַרשטאַטן, אויף דער אידישער בינע און עסטראַדע, מער אַ קולטור־היסטאָרישע ווערט, אַלס ערשטע אָנרעגער פון דער פּיאָנערישער אימיג־ראַנטן־מאַסע צום קאַמף פאַר עקאָנאָמישע באַפרייאונג פון איר שקלאַפע־ריי ביי דער מאַשין, אַלס באַזינגער פון אירע לידן און נויטן, און וועקער פון אירע פאַרגליווערטע חושים, וועלכע האָבן גענומען דאָס ביטערע לעבן אַזוי ווי עס גייט און נישט געטראַכט פון פאַרבעסערן זייער טרויע־ריקע מערכה.

דורך מוטיקן און האַרציקן געזאַנג, האָט דער פאָלקסדיכטער י. ריינגאָלד, צוגלייך מיט זיינע אומפאַרגעסלעכע צייט־קאָלעגן: ווינטשעווס־קי, באָוושאָווער, עדעלשטאַט און ראָזענפעלד, גערופן די „עלנדע־ברוי־דער־אַרבעטער" צו דערוואַכן פון זייער לאַנגן שלאָף, צו אַרויסרייסן זיך פון זייער „עבודת־פּרך־לאַגער" און צו אויסקעמפן מיט אָרגאַניזירטע כחות אַ פרייען און בעסערן לעבן פאַר זיך.

יצחק ריינגאָלד איז געווען נישט בלויז דער שאַפער, נור אָפּט־מאָל אויך דער „טרובאַדור" פון זיינע „צער־און־צאָרן־לידער", וועלכע ער פלעגט אַליין אויסזינגען אויף פאַרזאַמלונגען און אונטערנעמונגען פון אידישע אַרבעטער. דער פאָלקס־דיכטער איז געקומען אין דירעקטן קאָנ־טאַקט מיט זיינע „עלנדע ברידער", און דערפאַר איז ער געוואָרן אַזוי באַליבט און געאַכטעט ביי די ברייטע אידישע מאַסן.

יצחק ריינגאָלד איז געבוירן געוואָרן מיט 78 יאָר צוריק (1873) נעבן לוצק, אוקראַינע, אין אַ חסידישער פאַמיליע און האָט געקראָגן אַ שטריינג־רעליגיעזע דערציאונג. זיין פאָטער, ר' יהושע תאומים (אַ קרוב פון באַרימטן תלמודישן מפרש), איז געווען נישט בלויז אַ פאַנאַטישער חסיד און עמאַציאָנעלע פערזענלעכקייט, וואָס האָט אָנגעפירט אַ „הייליקן קריג" קעגן דער השכלה און משכילים פון זיין דור, נור אַלס פרומער אידעאַליסט, איז ער תמיד געווען גרייט צו ליידן בעסער בויט און דחקות, איידער עובר־צו־זיין אויף רעליגיעזע פּרינציפּן.

אין דערזעלבער צייט האָט ר' יהושע פאַרמאָגט אין זיך — פונקט ווי אַנדערע יחידי־סגולה פון די פאַרצייטיגע אויסגעהאַלטענע אוקראַינער חסידים, — אַ טיפן געפיל פאַר יושר און הומאַניטעט — די אָריגינעלע חסידישע אידעאָלאָגיע פון גוטברודערשאַפט און גלייכהייט צווישן „אנשי־שלומנו". דערפאַר האָט ער שטאַרק מקפּיד־געווען אויף „עבירות שבין אדם לחברו" און האָט באַקעמפט אַלע שרייענדיקע מענטשלעכע עוולות, יעדע פאָרם פון עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג, און יעדן פינצטערן כח, וואָס דעגראַדירט די פרייע מענטשלעכע פערזענלעכקייט—און די חשיבות פון יעדן בן־אדם, „שנברא־בצלם־אלקים..."

ווען אונזער דיכטער'ס פאָטער האָט געמוזט אויסוואַנדערן מיט זיין משפחה קיין אַמעריקע (1889), וואו ער האָט געמוזט אַרבעטן פאַר חיונה אין קליידער־סוועטשעפּער, איז ער אָפּט געקומען אין שאַרפע צוזאַמענ־שטויסן מיט ברוטאַלע באַסעס, וועלכע האָבן קאָנטראָלירט די קליידער־פּראָדוקציע, און האָט אויסגעביטן זיינע „דזשאָבס" אויף פּעדלעריי איבער דער „קאַונטרי".

שפּעטער מיט יאָרן, ווען ר' יהושע האָט זיך באַזעצט אין דער אידי־שער קאָלאָניע „וואודביין", האָט ער אַליין אָנגעפירט אַ סטרייק אין אַ לאָקאַלן קליידער־שאָפּ און האָט פאַר 16 וואָכן צייט קאָמאַנדירט דעם קאַמף פון אַ מאַסע „נעבטיקע" פּעדלער'ס, פאַרמערס און אינטעליגענטן (1906־1907), ביז די סטרייקערס האָבן געוואונען אַ פולשטענדיקן נצחון...

מיר געפינען פאַר נויטיק צו איבערגעבן דעמדאָזיקן כאַראַקטערי־סטישן עפּיזאָד אין לעבן אוןווירקן פון אַלטן חסיד ר' יהושע תאומים

אויפ׳ן אַמעריקאַנער באָדן, כדי אַנצוציייגן דעם אור־קוואַל, פון וואַנען זיין זון — דער דיכטער יצחק רייגאָלד ע״ה — האָט געשעפּט זיין אינ־ספּיראַציע און ערשטע פּאָעטישע יניקה פאַר זיינע סאָציאַלע לידער פון אַרבעטער־לעבן און אַרבעטער־קאַמף.

ער האָט נישט גע׳ירש׳נט פון פאָטער דעם שטרענגן רעליגיעזן דאָגמאַטיזם פון אוקראַינער חסידות, אָבער — אַלס פרייער גייסט מיט אַן עמפּפינדלעכן קינסטלער־האַרץ, — האָט דער דיכטער אַריינגעזויגן אין זיין בלוט און מאַרך זיין פאָטער׳ס „עטישע־רעליגיע" — די געפילן פאַר רעכט און יושר, פאַר פרייהייט און מענטשליכקייט און דעם מיליטאַנ־טישן גייסט — צו קעמפן פאַר די אידעאַלן פון די נביאים.

און נאָך אַ ווערטפולע טראַדיציע האָט אונזער „עלנדער דיכטער" אַדאַפּטירט פון זיין חסידישער היימישער סביבה, — געמלעך — דעם געזאַנג, פון וואַנען רייגאָלד׳ס נאַציאָנאַל־רעליגיעזע פּאָעטישע שאַ־פונגען זיינען צוערשט באַהויכט געוואָרן מיט זייער אורשפּרינגלעכער „חסידישער" נשמה . . .

דער טראַדיציאָנעל־היסטאָרישער גייסט פון ערשטן מקור, פון זיין היימישן פאָלק און יוגנט־סביבה, די ציכטיקע חסידישע קדושה־שטי־מונג פון זיין פאָטער׳ס געצעלט, וואו ר׳ יהושע תאומים האָט בציבור מיט די „אנשי־שלומו" געזונגען זמירות און טשערנאָבילער, אָדער מאַקאַראָ־ווער ניגונים מיט עכט־חסידישן פּאַטאָס און התלהבות און געפייערט מיט אַ הייליקן ברען שבתים און ימים־טובים, האָבן אין דיכטער רייג־גאָלד׳ס אומרואיקן האַרץ איינגעפלאַנצט אַן אייביקע ליבע און אַכטונג צו היסטאָרישער אידישקייט און פאַרבונדן זיין עלנדע נשמה מיט די רירנדיקע, סענטימענטאַלע חסידישע מעלאָדיעס פון צער און טרייסט, פון שטילן טרויער און אידישן בטחון!

דערפאַר קלינגען די מוזיקאַלישע פערזן פון רייגאָלד׳ס ציקל „נאַ־ציאָנאַלע לידער" מיט אַזעלכע שטאַלצע, וואַרימע, באַגייסטערטע און דערהויבנדיקע טענער, וועלכע זיינען אַ פרומער מעלאָדישער „עכאָ" פון זיין ווייטער, אָבער הערלעכער היימישער פאַרגאַנגענהייט!

זיין ,נאַציאָנאַלע" מוזע האָט ווידער אויפגעלעבט אין זיין עלנדער צעוויייטעקטער נשמה די ליכטיקע היימישע קלאַנגען פון זיינע גליקלעכע קינדער־יאָרן.

דידאַזיקע נאַציאָנאַלע טענער פילן אָן זיינע פערזן מיט אַ בראַ־וואור מוזיק פון אייביקער יום־טוב׳דיקייט און באַהויכן די וויברירנדיקע פּאָעטישע סטראָפן מיט דער נשמה־יתירה פון עכט־חסידישע עקזאַל־טירנדיקע זמירות.

אַט אין אַזאַ אַטמאָספערע איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן דער „זון פון דער אידישער מוזע" יצחק ריינגאָלד. דאָ איז אַנטשטאַנען דער גייסט פון „עלנדן דיכטער" און פון זיין אָרימער ירושה — די „קלעג־לעכע לידער", וואָס ער לאָזט איבער זיין פאָלק — זיינע „עלנדע ברי־דער".

ריינגאָלד'ס קולטור־היסטאָרישע „ירושה" איז אָבער גאָרנישט קיין „אָרימע", און ווייט נישט אַלע זיינע לידער זיינען געווען אַזעלכע „קלעג־לעכע", ווי ער באַצייכנט זיי. אמת, די לייטמאָטיוון פון זיין דיכטונג זיי־נען מערסטנס געווען אומעט, איינזאַמקייט און דער שטומער צער פון דעם יחיד, וועלכע רופן אַרויס אין אים צומאָל געפילן פון זעלבסטפאַר־לוירנקייט און רעזיגנאַציע, אָבער אין זיינע וואַרעמע פאָלקסטימלעכע פערזן דרינגען־דורך זייער אָפט פייערדיקע פיילן פון פראָטעסט און „פראָ־לעטאַרישע קללות" קעגן אַלע „פעטע בייכער" און באַסישע בלוטזויגערס, וועלכע ווערן אויסגעפאַשעט פון אַרבעטערס שוייס און בלוט, פון זיין מאַרך און שווערער פראַצע.

דער פאָעט רופט די שאַפער פון רייכטום און וואוילטאָג פאַר ברו־טאַלע טיראַנען צו אַן אָרגאַניזירטן קאַמף פאַר זייערע רעכט, גערעכטי־קייט און עצם־לעבן.

דער קאַמפגייסט פון זיינע אַרבעטער לידער דריקט זיך אויס ניט זעלטן, אַנשטאָט אין מוטיקע רעוואָלטירנדיקע רופן, אין ביטערע איראָ־ניע און סאַרקאַזם. דער דיכטער פון זיין דור־אימיגראַנטן האָט באַגריפן אַז אַ מיליטאַנטישער פלאַמיקער פערז, וועלכער סיגנאַליזירט מלחמה קעגן עקספלואַטאַציע, איז מעגלעך צו־ערנסט פאַר זיי, — פאַר זיינע פאַרשקלאַפטע חברים און ברידער. האָט ער פאַרזוכט מיט אַ גוטמוטיקן „גאַלגענהומאָר" — מיט אַ געלעכטער דורך טרערן — צו אויס'חוזק'ן זיי־ערע שעדלעכע שוואַכקייטן, זייער טבע צו נעמען דאָס טראַגישע לעבן, אַזוי ווי עס גייט און צו מקבל־באהבה זיין זייערע נויטן און יסורים, וועלכע זיינען אפשר באַשערט „פון אויבן..."

צו דעמדאָזיקן ציקל סאַטירישע עפּיגראַמען געהערן אַזעלכע לידער זיינע, למשל, ווי: „דער שניידערל", „די מאַשין", „די יוניאָן", וכדומה. די פערזן מיט זייערע שטיפערישע טענער האָבן צומאָל געקלונגען, ווי טעאַטער קופּלעטן. דאָך זיינען זיי אויפגעכאַפּט און געזונגען געוואָרן פון טויזנטער שאָפּ־אַרבעטער בציבור, און האָבן געטריבן זיי צו פאַרטראַכטן זיך איבער זייער צרה'דיקן מצב, פון וועלכן זיי וואָלטן זיך אַליין געקענט אַרויסראַטעווען, אויב זיי זאָל נישט אויספעלן קיין קוראַזש צו פאַר־זוכן אַזאַ שריט...

ריינגאָלד'ס „אָרימע ירושה", ווי געזאָגט, איז לחלוטין נישט אָרעם אין קוואַליטעט, און גאָר רייך אין קוואַנטיטעט!

דער עלנדער דיכטער האָט פאַרפאַסט אַ סך לידער, וועלכע זיינען פּעריאָדיש דערשינען אין פאַרשיידענע זאַמלונגען און אידישע צייט־שריפטן.

אַלס מטופל מיט אַ פאַמיליע פון פינף קינדער, האָט דער ליידנדי־קער דיכטער פאַרזוכט עטלעכע מאָל אַרויסצערייסן זיך פון סוועטשאַפּ, וואו זיין קראַנקייט (שווינדזוכט) האָט אים נישט דערלויבט צו פּראַצעווען שווער, און באַזאָרגן זיך מיט אַ גרינגערער פּרנסה. ער האָט געעפנט אַ סטאַרקע, צי אַן אַנדער שטיקל „ביזנעס", אָבער ער האָט אין דעם קיינ־מאָל נישט מצליח־געווען, און פלעגט קראַנקערהייט מוזן זיך אומקערן צוריק צו דער שניידער־מאַשין.

די גאַנצע פרייע צייט זיינע — דורך טעג און נעכט — האָט ער געווידמעט זיין דיכטער־שאַפונג און האָט פאַרפאַסט אַ ים מיט לידער פון אוניווערסאַלן קאַלירפולן כאַראַקטער... אַ חוץ זיינע אַרבעטער לידער און נאַציאָנאַלע לידער, פון וועלכע זיין שטאָלצע ציוניסטישע הימנע — „איך בין אַ איד" איז די קרעפטיקסטע אין שוואונג און טאָן, האָט דער שפּרודלענדיקער פאָלקס־פּאָעט אָנגעשריבן אַ רייע טעאַטער־לידער, קופּ־לעטן און גאַנצע אָפּערעטן־ליברעטאָס פאַר דער אידישער בינע פון זיין צייט. אַ מוסטער פון לעצטן זשאַנר איז זיין ביבלישע אָפּערעטע „ביי די טייכן פון בבל" (מוזיק פון מענדעלסאָן). דידאַזיגע טעאַטער־ליריקס און לידער זיינען געזונגען געוואָרן פון באַרימטע אָפּערעטישע שוישפּילער אויף דער בינע, און פון פאַרפאַסער גופא ביי אַרבעטער־פאַרווייל ונגען.

י. רינגאָלד האָט אָבער פון זיין טעאַטער־דיכטונג גאָרנישט גע־נאָסן, ווייל אין זיין צייט האָבן די טאָנגעבער פון דער אידישער בינע נישט געוואוסט פון אַזאַ זאַך, ווי „ראָיאַלטיס..."

ווייטער האָט אונזער „עלנדער פּאָעט" פאַרפאַסט אַסך פּאַראַדיעס— מערסטנס קאָמישע—אויף די פּאָפּולערע ענגלישע פאָלקסגעזאַנגען פון זיין עפּאָכע און אויף די האַרציקע פאָלקסטימלעכע לידער פון אליקום צונזער, אברהם גאָלדפאַדען, זיגמונד מאָגולעסקו און אַנדערע...

אָבער נאָך דעם קורצן סך־הכל פון זיין שאַפונג, שטעלט זיך פאַר אונז די הויפּטפראַגע: איז יצחק ריינגאָלד געווען אַן אָריגינעלער דיכ־טער־טאַלאַנט בכלל? מיט אַנדערע ווערטער — איז דער עלנדער זינגער פון זיין פאָלק געווען באמת אַ גאָטס־געבענטשטער פּאָעט פון קוואַלנדיקער שאַפערישער אינטואיציע און קינסטלערישן פייער?

איבער דער פראַגע זיינען דאָ צווישן אַלטע און מאָדערנע ליטעראַ־רישע קריטיקער פאַרשיידענע מיינונגען.

ווען ריינגאָלד האָט אַ יאָר פֿאַר זײַן טויט (1902) באַזוכט ניו־יאָרק, האָט ער אין אידישע שריפטשטעלערישע קרייזן געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנ־דרוק, און די יודעי־חן פון אונזער דאַמאָלסדיגער ליטעראַרישער וועלט האָבן געלייגט אויפ׳ן פֿאָלקסדיכטער אַסך האָפנונגען, אַלס אויף אַ קו־מענדיקן גרויסן וואָרט־קינסטלער...!

מיט אַ יאָר שפּעטער האָבן די נעקראָלאָגן־שרייבער פֿונ׳ם יונג־פֿאַרשטאָרבענעם פּאָעט געקרוינט אים, אַלס דער „גרעסטער אידישער דיכטער פון דער וועסט" — ווײַל די מערסטע שאַפונגען זײַנע האָט ער אויסגעדיכטעט און אויסגעזונגען אין שיקאַגאָ און מילוואָקי.

אָבער פֿאַר אַן אָביעקטיווע אָפּשאַצונג פון ריינגאָלד׳ס אמת׳ן ווערט, אַלס דיכטער, און פון זײַנע פֿאַרדינסטן פֿאַר די אידישע פֿאָלקסמאַסן און זייער קולטור־געשיכטע, איז קודם־כל נויטיק צו דורכשניידן אַ שאַרפֿע דערמאַרקאַציע־ליניע צווישן זײַנע אַרבעטער לידער, זײַן נאַציאָנאַלע דיכטונג און פּאָעטישע נאַטור־שילדערונגען פון איין זייט, און זײַנע טע־אַטער־געזאַנגען, עפּיגראַמאַטישע פּערזן און געלעגנהייט־לידער פון דער צווייטער זייט !

די ערשטע זײַנען מערסטנס עכטע שאַפֿונגען פון באַדייטנדיקער ליטעראַרישער חשיבות און אַ גאַנץ וויכטיקער בייטראַג צו אונזער ליטע־ראַטור־געשיכטע פון זײַן עפּאָכע מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, וואו זיי דאַרפֿן פֿאַרנעמען אַ ליכטיקן בלאַט.

דער פֿאָלקסדיכטער גופא איז אין דער אָפּשאַצונג פון זײַן אייגע־נער שאַפֿונג אַפֿילו זייער פֿאַרזיכטיק און עניוות׳דיק, אַזוי ווי ער וואָלט געליטן פון אַ מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס...

אין זײַן ליד „דעם דיכטערס צוואה", אַ שטיגער, וואו ער באַצייכנט זײַן גאַנצע „אָרימע ירושה", אַלס „בלעטלאַך קלעגליכע לידער פֿאַר מײַנע עלנדע ברידער" — גיט ער צו מיט אַ פֿרומער באַשיידענער און יאוש־פולער התראה, אַז —

„אויב זיי געפעלט נישט מיין אָרימע ירושה,
דאַן לאָז איך עס איבער דער „חברה קדישא"
און בעט זיי, אַז אויב ס׳וויל עס קיינער נישט האָבן,
מיט מיר זאָל עס ווערן אין קבר באַגראָבן!"

אין דעם האָט אָבער דער ליידנדיקער און צווייפלענדיקער עלנדער פּאָעט געמאַכט אַ שטאַרקן טעות! דאָס פֿאָלק, וואָס האָט געזונגען זײַנע לידער אַסך יאָרן נאָכ׳ן פֿאַרפּאַסערס טויט—אַפֿילו אין אייראָפּע—וועט זיכער פֿאַראייביקן זײַנע האַרציקע געזאַנגען פון צער און צאָרן אין אונזער רייכער קולטור־געשיכטע! די „עלנדע" שאַפֿ־ברידער פון דיכטער, וועל־

כע האָבן לענגער פון אַ דור מיטגעוויטיקט פון נויט, דחקות און עקס־פּלואַטאַציע צוזאַמען מיט זייער „עלנדן זינגער״, האָבן דעם גייסט פון רייזנגאָלד׳ס מאַסנגעזאַנגען איבערגעגעבן בירושה צו דער הייַנטיקער אָר־גאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט, דעם גייסט, וועלכע האָט זיי יאָרנ־לאַנג טרענירט און אויסגעבילדעט, אַלס „סאָלדאַטן פון דער פרייהייט־אַרמיי״ צו קעמפן פאַראייניקט פאַר זייערע רעכט און סאָציאַלן יושר!

די געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמע־ריקע וועט די האַרעפּאַשנע מאַסן אונזערע נישט לאָזן פאַרגעסן דעם מו־טיקן פּיאָנערישן וועקער און אָנרעגער פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט צום קאַמף פאַר עקאָנאָמישע עמאַנסיפּאַציע און פאַר אַ בעסערן און שע־נערן לעבן! זי וועט, האָפנטלעך, אָפּט דערמאָנען יצחק רייזנגאָלד׳ן, וועל־כער האָט געטריבן מיט געזאַנג די אידישע „קינדער פון אַרבעט און נויט״ אין באַפרייאונג־קריג קעגן דרוק און אכזריות׳דיקער עקספּלואַ־טאַציע. רייזנגאָלד׳ס נאָמען וועט פיגורירן אין דער אַרבעטער געשיכטע אויפ׳ן קאָלעקטיוון ליכטיקן פּעדעסטאַל פון באַוושאָווער, עדעלשטאַט, וויב־טשעפּסקי און מ. ראָזענפעלד!

מיר וואָלטן דערביי זייער נישט געוואָלט, אַז דער אויפמערקזאַמער קריטישער מפונק זאָל אונזער לעצטן אויסדרוק מיספאַרשטיין! אונז פאַלט לחלוטין נישט איין צו דורכפירן דאָ וועלכע ס׳איז פאַראַלעלע אָפּשאַצונג און כאַראַקטעריסטיק פון די דערמאָנטע גרויסע 4 אַרבעטער־דיכטער, אין פאַרגלייך מיט׳ן פאָלק־זינגער יצחק רייזנגאָלד, אָדער צו מעסטן דעם שטאַפּל פון יעדנס פּאָעטישער הויכקייט באַזונדער!

אונזער כוונה איז בלויז אָנצוצייגן, אַז אַלע 5 דיכטער זיינען גע־ווען „צייט־גענאָסן״, אַלס באַזינגער פון אַרבעטער־לעבן, און האָבן אין דערזעלבער תקופה דעביוטירט אין דער עפנטלעכקייט. יעדער פון זיי איז אודאי געווען אָריגינעל אין זיין עמאָציאָנעלן שוואונג, אין זיין פאַנ־טאַזיע, שילדערונגסקראַפט און דיכטערישן סטיל, אָבער אַלע זיינען זיי געווען אייניק אין אידעאַלן ציל — צו אויפקלערן די אַרבעטער איבער זייער ביטערער לאַגע, וועקן זיי צו אַ פרייען בעסערן לעבן — דורך גע־זאַנג — צום קאַמף פאַר רעכט און גערעכטיקייט, און דערנעענטערן זיי צו דער אידעאַלער וועלט פון סאָציאַלן יושר און עקאָנאָמישער גלייכ־הייט! אין דעמדאָזיקן ליכט האָבן מיר זיי אָוועקגעשטעלט אַלע 5 אין איין געשיכטע שורה!

יצחק רייזנגאָלד איז אפשר נישט געווען קיין גוואַלטיקער סטיליזאַ־טאָר — און פאָרמיסט אַזוי צו זאָגן. זיין קערנדיגער און זאַפטיגער או־קראַינער אידיש אַפילו האָט זיך אינגאַנצן נישט געקענט באַפרייען פון די

שעטנז׳דיקע גערמאַניזמען און געשמאַקלאָזע שפּראַכליכע „פּרעמדקערפּער״ אין די אידישע פּובליקאַציעס פון זיין צייט, וועלכע האָבן פאַרדאָרבן אינ־זער אָריגינעלן לשון.

אָבער אמת׳ע פּאָעזיע נויטיקט זיך נישט סוף־כל־סוף אין מליצה׳די־קער באַפּוצונג, אין אַ געציקלטן וואָרט און פילפאַרביקע פליטערלאַך!

ריינגאָלד׳ס לידער, וועלכע זיינען געשריבן מערסטנס אין אַ זויבערן פאָלקסטימליכן אידיש, זיינען באַחנ׳ט מיט זייער עכט־אידישן טעם און פשטות, הגם מאַנכע פון זיי זיינען דורכגעדרונגען מיט משכילישע טענ־דענצן, ספּעציעל־דעם דיכטער׳ס טרעפליכע סאַטירישע פערזן.

טראָצדעם איז ריינגאָלד אַ טיף־פּערזענליכער דיכטער מיט אַן אייגענעם טאָן. דער קול פון זיין געזאַנג קען קלינגען אַמאָל מיט די אַקאָרדן פון אַ ווינטשעווסקי, אָדער ראָזענפעלד; אָבער דעם פאָלק־דיכטער׳ס איי־גענער טאָן איז דעליקאַט און סובטיל, ווי דער דינסטער אומזיכטבאַרער נערוו פון אַ קראַנקן ברוסטקאַסטן. ער קען איבערגעבן די אינטימסטע באַ־וועגונגען פון דיכטער׳ס נשמה, די שטילסטע וויבראַציעס פון זיין שוואַכן פּולס אין אַ פאָלקסטימליכער און גראַציעזער איינפאַכקייט!

די אידישע פאָלקסמאַסע, וועלכע האָט געזונגען זיינע מעלאָדישע פערזן בציבור מיט געשמאַק און התלהבות, ווי חסידישע זמירות, האָט געפילט, אַז דעם דיכטערס פּריי און ליבטיק וואָרט שפּיגלט־אָפּ די פיינסטע באַוועגונגען און סענטימענטן, דעם צער און בענקשאַפט פון איר קאָלעק־טיוון פאָלקס־האַרץ . . .

און דאָס פאָלק האָט געוויינט און געלאַכט, געקעמפט און געליטן אין אָרקעסטראַלן אוניסאָן מיט זיין באַליבטן דיכטער . . .

ווי שוין דערמאָנט, איז ריינגאָלד׳ס ליריק דורכגעדרונגען פון אַ צענטראַלן מאָטיוו: אומעט, איינזאַמקייט און שטומער פּערזענליכער צער, — אַ מאָטיוו, וועלכער פליסט־דורך זיינע צאַרטע פערזן, ווי אַ בלוטרוי־טער אָבער נישט־רוישנדיקער שטראָם, וואָס צאַרנט און בלוזלט־זיך. ווי אַ ברגז׳ער מפונק, אָבער ער כוואַליעט נישט ווי אַ ים־שטורעם מיט אַ „יופּיטערישע״ רוגזה אויף דער וועלט.

זיין רעבעלירנדיקער גייסט זוכט נישט צו איבערקערן די שלעכטע וועלט מיט געוואַלט, ווי אַ וואולקאַניש העליש פייער, נור צו אויסבעסערן זי, אַז זי זאָל אָנערקענען די חשיבות פון מין מענטש און באַזייטיקן זיינע ליידן פון סאָציאַלן אומרעכט!

ריינגאָלד׳ס מוזע קען נישט ברעכן קריעות ווי אַ שטורמדיקער אייז־ברעכער, ווייל ער איז נישט בלויז אַ אַרבעטער־דיכטער, נור אין זיין גייסט און פאָעטישן מהות אַ אידישער פאָלקס־דיכטער, וועלכער טיילט די ליידן פון זיינע אַלע „עלנדע ברידער״, פון זיין גאַנצן היימלאָזן כלל־

ישראל! זיין ליד „איך בין אַ איד" דער ווידוי פון זיין נאַציאָנאַלער דיכ־טונג, — איז אַ הימנע פאַרן ציוניסטישן אידעאַל, וועלכער אַפּעלירט צו זיין האַרץ אַ סך שטאַרקער, ווי די אַלגעמיינע וועלט־שמערצן, און ער באַזינגט די נאַציאָנאַלע באַוועגונג דרייסט און האַפערדיק:

„ווי טיעף מיך ריהרט דער וועלטס־געשריי
און וויקעלט מיך אין שמערצען,
דאָך דעם אידנ'ס־לאַגע — וועה! —
ליעגט נעהנטער מיר אַם הערצען . . .

איך זינג פאַר פרייהייט, זינג פאַר פריעד
און דאָך איך בין און בלייב אַ איד,
און מיין שעהנסטע בעסטע ליעד
וועל איך ווידמען, וועל איך מיהען,
פאַר מיין פאַטערלאַנד — פאַר ציון . . .

מיר זיינען ווייט נישט זיכער, צי דאָס איז זיין „שענסטע און בעסטע ליד", אָבער די פשוטע, אויפריכטיקע פערזן קוואַלן ממש מיט דער אָפנהאַרציקייט פון אַ פּאָעטישן „ווידוי" . . .

ריינגאָלדס עפּישע לידער — דאַגעגן — פאַרמאָגן זעלטן אָריגינעלע בילדליכקייט אָדער מוזיקאַלישע ריטהמיק.

נאָר דאָס איז לחלוטין נישט קיין פּגימה אויף זיין פּאָעטישע מייס־טערשאַפט „צו ריידן פראָסט וועגן גרויסע זאַכן", און צו צייגן אונז דעם חן פון וואָרט — אין זיין אייגנאַרטיקן פרומען לבוש און נישט־געציקלטקייט!

דערפאַר איז דער טאָן פון זיין געזאַנג ריין ווי די פאָלקס־נשמה, ספּעציעל ווען דער דיכטער לייטערט־דורך זיין לעבנס־דערפאַרונג אין פייער פון זיין אויפריכטיקן האַרץ, און גיט־דאַן־אַרויס זיינע עמאָציעס אין איינדייטיקן, גראַציעזן און קרישטאַל־קלאָרן פאָלקס וואָרט!

אין רירנדיקן ניגון פון זיין עלנדער קראַנקער נשמה ווערן אַרויס־געזונגען די פאָלקסמאָטיוון, ווי דער לירישער שטימונגספולער און מעלאָדישער געוויין פון פאַסטוכ'ס פייפל — פון דער מוזיק פון אַ נאַטור־קינד אונטערן פרייען הימל.

דער פּאָעט איז אָבער אויפריכטיק קודם כל צו זיך אַליין. נישט אַלע נאַטור־דערשיינונגען מאַכן אויפן פרומען „זון פון דער אידישער מוזע" דעם זעלבן איינדרוק. דער דיכטער פון צער און אומעט געפינט זיין באַגייסטערונג און לעבנס־באַנייאונג אין די שטראַלן פון דער פרילינג־זון, אינם גרין־באַדעקטן מילדן וואַרימען זומער. אָבער די קאַלטע אומהיימ־

ליכע ווינטערנאַכט אין אירע שניי־ווייסע־תכריכים״ פאַרזעצט דעם פאַ־
עט אין אַ פינסטערע דערשטיקנדיקע שטימונג. דער ווינטער זאָגט אים
אָן דעם טראַגישן סוף פון זיין „פראַלעטאַרישער קללה„ אָדער חולאת . . .
דאָס בלוטנדיקע האַרץ פון ערלאַכן פאָלקזינגער קען זיין צער נישט באַ־
האַלטן.

ער וויטיקט נישט בלויז פון וועלט־שמערצן, נור פון פערזענליכע
פיזישע ליידן, פון מאַטעריעלער נויט, פון דחקות און הילפלאָזיקייט, וועל־
כע זיין פרוי און קליינע קינדער מוזן אויסשטיין, אַ דאַנק זיין שוואַכקייט
און פינסטערן מזל.

איז „דער זינגער פון זיין טרויער״ פאַרביטערט און פאַר׳ברגז׳ט קעגן
היינטיקן לעבן און זיינע סאָציאַלע איבלען. אָבער זיין הומאַניטאַרע זיידענע
נשמה — וויל די וועלט נישט צושטערן, נאָר רעפאָרמירן זי מאָראַליש און
באַלויכטן זי — דורך זיינע ווערטער־פלאַמען מיטן „אור־הגנוז״ פון אמת
און יושר.

אפילו רייזנאַלד׳ס סאַרקאַזם, וועלכער קומט צום אויסדרוק אין אַ
פשוט׳ער פאָרם, איז נישט קיין ברוטאַלער און שניידנדיקער, נור אַ קי־
לער און אויפריכטיקער, ווי אַ גוטמוטיק וואָרט פון אַ האַרציקן פריילאַכן
דאָקטאָר צו אַ חולה . . .

רייזנאַלד׳ס „סאָציאַליסטישע פערזון״, און מאַנכע געלעגנהייט־לי־
דער, האָבן אַ פיל־מינדערוועריטיגערע ליטעראַרישע באַדייטונג, ווי אַפילו
זיינע טעאַטער־לידער, און זיינען נישט מער — אויב איר ווילט — ווי גע־
גראַמטע שטיקלאַך סטראָפן פון פאַרטיי־אַגיטאַציע, ווערנד אין זיינע טעאַ־
טער לידער, וועלכע זיינען נאָך געזונגען געוואָרן מיט 40 יאָר צוריק אַפילו
אין איירָאָפּע, געפינען זיך דאָ און דאָרט אמת׳ע פּאָעטישע שטעלן, וואָס באַ־
חנ׳ען דעם סאָציאַלן הינטערגרונד פון די געזאַנגען מיט קינסטלערישן אמת
און עפעקט

אין די נאַציאָנאַל־טראַדיציאָנעלע לידער פון פאָלקס־דיכטער, וועל־
כער רעספּעקטירט זיין אַלטע אידישע ירושה און פאַרגאַנגענהייט, איז ניש־
טאָ קיין שפור פון סאַטירע. ער באַזינגט נישט אונזערע ימים־טובים אָדער
תפלות מיטן ראַזענפעלדישן סאַרקאַזם, ווייל רייזנאַלד׳ס יראת־הכבוד פאַר
דער אידישער טראַדיציע און עטהיק דערלויבט עס אים נישט. ער רהאַפּ־
סאָדירט אונזערע הערליכע טראַדיציעס און די עקבי־הגאולה מיט סענטי־
מענטאַלע טענער פון ליבע און ערפורכט, כמעט מיט גלויבן און אויפ־
ריכטיקייט פון „בערדיטשעווערס״ תפלה „גאָט פון אברהם״ . . .

די דאָזיקע קאָנספּעקטיווע אָפּשאַצונג פון פאָלקס־דיכטער יצחק
רייזנאַלד וואַרפט אָן אַ קלאָרן באַגריף איבער דעם כאַראַקטער און בע־

דייטונג פון זיין שאַפונג אין די ערשטע 2 עפּאָכן פון דער אידישער אי־מיגראַציע.

דער „זון פון דער אידישער מוזע” איז געווען אַ באַגאַבטער און פיינפּיהליגער פּאָעט, וועלכער מעג בלויז לויט זיינע נאַציאָנאַלע לידער אַליין — פּאָראייביקט ווערן לכל־הדעות אין די בלעטער פון אונזער קולטור־געשיכטע בנשימה־אחת און אין איין רייהע מיט אליקום צונזער, וועלוועל זבאַרזשער און אַפילו אברהם גאָלדפאַדען — די פאָלקס־דיכטער פון שטימונגפולן האַרציקן טאָן, די ערשטע עקספּאָנענטן פון געזאַנג אין דער פשוט'ער און גראַציעזער פאָלקס־שפּראַך.

צו דערגאַנצן די כאַראַקטעריסטיק פון רייזנאָלד'ס שאַפונג אין איר עכטער פאָרם און פּרעזענטאַציע, איז די פאַמיליע פון פאָלקזיינגער, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן דידאַזיקע לידער־זאַמלונג, באַשטאַנען פעסט אויף דער פרעזערוואַציע פון דיכטער'ס אָריגינעלער פרימיטיווער פּאָנעטיק און אויסלייגעכץ פון זיין ליטעראַרישער עפּאָכע, וועלכע איז אָנגעווענדעט געוואָרן דאַן אין דער אַמעריקאַנער אידישער פּרעסע און מערסטע ליטעראַרישע אויסגאַבן.

היינט צו טאָג קוקן אויס די אומצעליקע שטומע „אַלפ'ן” און הא'ען, ווי אויך די איבעריקע „יוד'ן”, ווי ווילדע און שאָקירנדיקע פאָנעטישע „מיסגעבורטן” פון דער פאַרצייטיקער שמ"ר־תקופה, וועלכע זיינען שוין לאַנג באַזייטיקט און כמעט פאַרגעסן געוואָרן. אָבער אין רייזנאָלד'ס עפּאָכע זיינען דידאַזיקע שטומע אותיות פון די וואָקאַלן געווען פונקט אַזוי „נאַטירלעך” אינקאָרפּאָרירט אין שריפט, ווי די „גערמאַניזמען” אין סטיל, און דער לייענער האָט עס לייכט פאַרדייעט, ווי אַ שבת'דיקע פּאַטראָווע . . .

דער דיכטער פון גראַציעזער פשטות אין זיינע פּאָעטישע ווערק, וועלכער האָט פרום און הייליק אָפּגעהיט די קאָרעקטע אויסלייגעכץ פון די העברייאישע עלעמענטן אין אונדזער פאָלקשפּראַך, האָט אָבער זיין אידיש געשריבן, לויט די אָנגענומענע רעגלען און טראַדיציעס פון זיין דור. אגב־אורחא האָבן צונזער און גאָלדפאַדען אין זייערע מערסטע שריפטן— באַנוצט די אויסלייגעכץ פון זייערע צייטגענאָסן — אַפילו אין דער אַלטער היים. ערשט אין די שפּעטערדיקע אויסגאַבן פון זייערע ווערק איז זייער פרימיטיווע אויסלייגעכץ פאַראיינפאַכט געוואָרן — נעענטער צו דער פאָלירטער און קולטיווירטער פּאָנעטיק פון א"ב גאָטלויבער, א. מ. דיק און ש. פרוג, אָבער זי איז נאָך אַלץ געווען ווייט פון די מאָדערנע פּאָנעטישע רעפאָרמען!

צוליב דער קולטור־היסטאָרישער באַדייטונג פון רייזנאָלד'ס שאַ־

פונג, זיינען מיר איינגעגאַנגען אויפ'ן פאַרלאַנג פון זיין פאַמיליע און אי־בערגעלאָזט זיין פרימיטיווע אויסלייגעכץ — אומגעענדערט.

אַזוי האָט זיין „מוזע" באַהאַנדלט דאָס געדרוקטע אידישע וואָרט פון זיין ליטעראַרישער תקופה אין אַמעריקע.

אָבער דאָס מינימיזירט לחלוטין נישט דעם קולטור־היסטאָרישן ווערט פון זיין אָריגינעלער פאָלקסטימלעכער דיכטונג און זיינע אַרבע־טער־לידער! אויב איר ווילט, גיט־עס־נאָך־צו אַ געוויסן קאָלאָריט צו דער איינפאַכקייט פון זיין באַ'טעמ'טער פאָלקסשפּראַך, אויף וועלכע מ'קען זאָגן: „דברה שירה כלשון בני־אָדם"!

ריינגאָלד געהערט צו דער פּלעיאַדע — קלאַסישע פאָלקסזינגער אונ־זערע, וועלכע האָבן באַוויינט אין עלעגישע פערזן די אידישע נויט און אונזערע לאַנגע היסטאָרישע גלות־ליידן, וועלכע האָבן געוועקט דאָס פאָלק צו אַ פרייען, געזונטן און נאַרמאַלן לעבן און האָבן באַזונגען די ליכטיקע אידיעלאָגיע פון אַרבעט אויף אידישער ערד, און דעם קאַמף פאַר מענטשליכן יושר, אַלס בעסטן מיטל פאַר אונזער באַפרייאונג פון פרעמדן יאָך, פון עקאָנאָמישער קנעכטשאַפט, פון אייגענער שפלות און פון די איי־זערנע קייטן אַרום די קינדער פון אַרבעט און נויט און אַרום דעם שע־פערישן אידישן גייסט!

אַזוי האָט געחלומט, געווירקט און געזונגען יצחק ריינגאָלד — דער אידישער דיכטער און „טרובאַדור" פון זיין צייט; ער האָט געזייט זיינע לידער מיט טרערן און פרעמדע הענט, וואָס האָבן געשמידט זילבער און גאָלד פון דיכטערס טרערן, האָבן זיין שאַפונג „געשניטן" מיט „געלט־קלאַנגען" אָנשטאָט געזאַנג. אָבער אין אונזער פאָלקס געשיכטע און נאַציאָ־נאַלן פּנקס, וועט בלייבן אומשטערבליך בלויז דער האַרציגער, באַגאַבטער פאָלקזינגער און „טרערנמיליאָנער", יצחק ריינגאָלד ע"ה.

שיקאַגאָ,

א. מאַרגאָלין.

# דעם דיכטער׳ס צוואה

עס יאָגען און ציהען און איילען און שוועבען,
די לעטצטע פערצווייפעלטע טעג פון מיין לעבען,
זיי יאָגען און ציהען און איילען און פליהען,
אַ סוף פון מיין פלאָגען זיך, ליידען און מיהען
דער טוידט מיין ערלייזער, שטעהט האַרט מיר צו קאָפּענס,
און פליסט אין מיר איין, זיינע גיפטיגע טראָפּענס.
איך זעה איהם, איך פיהל איהם אין יעטווידער אבר,
ער ווינקט מיר און ציינט מיר אַ פערטיגען קבר,
און זאָגט מיר, הער אויס! ס׳איז מיין לעצטע התראָה.
שרייב אָפּ דיין פּאַרמעגען, מאַך גרייט דיין צוואה,
בעשטים דיינע יורשים, זאָג ווידוי אַ פּאָאַר בלעטלעך
נו מאַך עס געשווינדער, דען באַלד ווערט עס שפּעטלעך.

אַ אייביגער טויט, דו ערלייזער פון ליידען,
איך קען דיך ניט מיידען און ווילל דיך ניט מיידען,
בין עלענד און איינזאַם, בין קראַנק און געבויגען,
איך קוק דיך אויס טויט, אַ מיט טויזענדער אויגען!
דאַך וואָס אַ צוואה? וואָס לאָז איך דען איבער?
וואָס בלייבט נאָך מיין טויט, אום צו שטרייטען דעריבער?
וואָס דאַרף איך בעשטימען? וואָס האָב איך צו שרייבען?
נאָך מיר, אַ נאָך מיר וועט קיין רייכטהום ניט בלייבען!
עשירות? וויא קומט צו איין עלענדען זינגער —
אַ אידישען זינגער וואָס געהט אויס פון הונגער?
דו מאַכסט פון מיר חוזק! דו שפּאָט׳סט פון מיין דלות!
אַ אייביגער טויט, דו ערלייזער פון אַללעס . . .

דאָך, וואַרט נור איך לאָז עטוואָס איבער, אַ הער עס,
אַ טהייערע סחורה יאַ טהייער איך שווער עס!
איך האָב עס דורך יאָהרען געזאַממעלט, געקליעבען,
דאָס זיינ׳ אַ פּאָאַר בלעטלעך מיט לידער בעשריעבען,
דאָס זיינ׳ מיינע אָרעמע קלעגליכע לידער.
איך לאָז עס מיין פאָלק, מיינע עלענדע ברידער,
נור אויב זיי געפעלט ניט מיין אָרעמע ירושה,
דאַן לאָז איך עס איבער דער חברה קדישא,
און בעט זיי אַז אויב ס׳וויל עס קיינער ניט האָבען,
מיט מיר זאָל עס ווערען אין קבר בעגראָבען,
דען אויב מיין געזאַנג האָט שוין גאָר קיין שום ווערטה
פערדינט עס נאָך אימער אַ קליין ביסעל ערד . . .

# אינהאלט


דעם דיכטערס צוואה — 17


1.

## אַרבעטער לידער


אַן אַרבעטער זינגער בין איך — 23
מאַשינדעלאַך — 24
צו דער אַרבעט — 25
דער עמיגראַנט — 26
ציטערט — 28
דער אַרבעטער פּאָעט — 29
מיינע געפילן — 30
אין ביזי צייט — 31
פון גלויבן צום קאַמף — 33
צו די אַלטע פּאַרטייען — 34
וואָס וועט זיין דער סוף — 35
יודעל פּראָלעטאַר — 36
צו ערנסט פּאַר אייך — 38


2.

## פּערזענלעכע שטימונגען און עלעגישע מאָטיוון


אין פאַרצווייפלונג — 41
אויפס ווידערזען — 42
יענע לידער וועלכע זינגען — 43
ווען איך וואָלט פאַרשטאַנען — 44
אַ ווינטער נאַכט — 45
מיין משוגעת — 47
ניט אייביק בלייבט ווינטער און זומער — 49
דאָס לעבן — 50
דער רעגן — 50
שוויס און טרערן — 51
אָוונט צייט — 52
נאַכט געדאַנקען — 53
צוריק — 54
ווינטער — 55
אַ טענה צו גאָט — 57
איך האָב ניט קיין צייט — 58


3.

## נאַציאָנאַלע לידער און טראַדיציאָנעלע מאָטיוון


איך בין אַ ייד — 63

דאָרט איז מיין פאַטערלאַנד — 64
ביי די טייכן פון בבל — 66
יהודה המכבי — 67
פורים — 68
אַ שבועות געזאַנג — 69
עבדים היינו — 71
ברוך שפינאָזאַ — 72
ירושלים — 73
האָפענונג און טרייסט — 74

4.

## געלעגנהייט לידער

געזאַנגען פון אונמיטלבאַרע איינדריקע

ביי דער בייביס וויגעלע — 77
די האָפענונג — 78
מיינע בילדער — 80
די שיינע אַדעל — 80
דער יוניאָן מאַן — 81
דער געקריינקטער מאַן — 82
קליינע לידער —
מיינע פריינט, דער ווינטער — 83

5.

## טעאַטער לידער

יעדן פרייטיק צונאַכט — 87
שטיי אויף מיין מאַן — 89
איך וויל אַ מאַן — 91
ווייל זי פלעגט מאַכן חנ׳דעלעך — 92
מער צו באַדויערן ווי שולדיק — 94
ווי זאָל איך ניט ליבן מיין מאַן? — 95
שבת מאַטינע — 97
מיין סחורה וואָלט טויגן, וואָלט איך געווען אַ מיליאָנער — 99
ווען דו וואַרסט זעכצן יאָר — 100
כ׳פיל אַ בענקען אין מיין האַרץ נאָך דיר — 101
דער בעל טובה׳ניק — 102
אַז גאָט וויל שיסט אַ בעזים — 103
די מוזיק שפילט — 105
איך בין אַ ליידי — 107
ער איז געווען אַזוי גוט צו מיר — 109

# לידער וועלכע זײַנען ניט אַרײַן אין דעם בוך:

אַ בילד אין אַ גאָלדענע פּרײַם — אָפּשײד מאַכט די ליבע פעסטער — אַ הספּד אויף אַלעקסאַנדער דעם דריטן — אוי מענער, מענער — אַזוי זאָגט יענקעלע — אָה, אָנקל סעם — אַ וואָרט דערקלערט — אַ טרער אויפן טעאַטער אומגליק — אַ טרער אויף פּרעזידענט מעקינלי — אַ טרעמפּ ביסטו, גיי ווײַטער, גיי — אַ יאָר נאָך דער חתונה — אַ איד ביסטו, גיי דיר דײַן וועג — אַ לערער — איך וויל שוין מער קיין ליבע שפּילן — איך מיט מײַן שײנער משפּחה — אין דער גוטער זומער צײַט — אַלע באָיעס האָבן כלות — אַ נײַער גראַם — בחור, ביסט ניט פאַר מיר — בײַ דער אָזערע — ברײנגט מיר צו מײַן מוטער — בײַבי שפּראַך — גאָט זעט אַלעס צו און שווײַגט — גיט אַן עצה — געדאַנקען צום ערשטן שניי — געבוירן אין קענטאָקי — געדענק, געדענק — דאָס געזאַנג אין דער שול — דאָס איבעריקע פאַרשטײ אַלײן — דאָס שנײַדערל — דו־דו, מײַן ליבער יאַנקל דו — די אַרבעט — די בלום — די בויערי — די געבראָכענע שיף — די הײליקע שטאָט ירושלים — די וואַנדלערן — די וועלט געשיכטע — די טרויעריקע האָכצײַט — די יוניאָן — דײזי בעל — דיכט פאַרוואָלקנט איז דער הימל — די כאָלעריע — די מאַשין — די נײַע דרײַ חתנים — די קלאָג פון חווה׳ס טעכטער — די סײַדוואָקס פון ניו־יאָרק — די שיף — די שלאַכט — דער אַרבעטער באָל — דער מלמד — דער שנײַדער — הערבסט מעלאָדיען — הערט וואָס דער סוף איז געווען — השיבנו נאַזאַד — וואָס אַרט אײַך — וואָס זע איך דורך די שויבן — ווי אין פּסוק שטײט — ווען דער טאַנץ גײט אָן — טראָג דײַן פּעקעלע — יענקעלע גײט אין שאַפּ אַרײַן — לאָמיר ווערן גוטע פרײַנט — לעמעל — מײַן ווײַב — מײַן כלה — מײַן פערל איז אַ כלה מויד — מײַן סחורה וואָלט טויגן, וואָלט איך געווען אַ מיליאָנער — נאָך ניט — נאָענט געזאַנג אין מאָנאַסטיר — ניט אַלעס איז גאָלד וואָס שײַנט — ניט אַהין ניט אַהער — ניט וואָס דו ביסט געווען — ניט מער ווי אַ זיפץ — נײַ־יאָר — נעם דײַן געלט ווערט — נײַע צײַטן, נײַע לידער — עס דרעמלט ניט דײַן טאָכטער — עפּטער די באָל — פײַער מאַכן — פאַר די נײַע הײמאָט — פאַרליבט, פאַרלאָבט, פאַרלאָזן — פאַרלאַנגט: אַ מײדל — צו אַ זינגער — צוויי גוטע ברידער — צו יודל דעם פעדלער — צום אַקטיאָר — קאָמישע פערזן — קלײנע לידער — שיפּער ליד — שיקאַגאָ, אילינאָיז — שלומיאל — שמײסן וועט מען סײַ ווי סײַ — שפּילט מיר אַ פרײלעכס.

# אַרבעטער לידער

# איין ארבעטער זינגער בין איך

פיר איך מיינע ליבע פעראַרעמטע בריעדער,
וואָס שאַפען און האָבען קיין ברויט,
פיר איך זינג איך נור מיינע קלעגליכע ליעדער,
די ליעדער פון אַרמוטה און נויטה,
און מעג איך מיין זינגען זאָגאַר ניט געפעהלען,
דאָך בריעדער! וואָס קימערט דאָס מיך?
איך קען איך נור זינגען פון ליידען און קוועלען,
איין אַרבייטער זינגער בין איך.

עס האָבען מיך עלענד און הונגער געבאָרען,
און טיעף אין מיין וואונדיגעס הערץ —
ברענט שטענדיג דער צאָרן, דער אַרבייטער צאָרן,
געבאָרן פון ליידען און שמערץ! . . .
די נויטה מיין בעגלייטערען ליעבט קיין געלעכטער,
נור טרויעריגעס לערענט זיא מיך,
נור טרויער און טרערען, אָ, הימעל גערעכטער!
איין אַרבייטער זינגער בין איך!

די שאַפּ איז מיין ביהנע, די מאַשין מיין אָרקעסטער,
דאָס הערץ מיט מוזיק פול געפּאַקט —
דער באָס איז דירעקטאָר, און אויך קאַפּעל מייסטער,
ער שפּיעלט, און איך זינג איהם אין טאַקט!
דיא ליעדער זיינ'ן אַלטע, די נאָטען אַלל־טעגליך,
עס זינגט זיך אַליין שויין פון זיך.
יאָ בריעדער, דאַרום איז מיין ליעד אַזוי קלעגליך,
איין אַרבייטער זינגער בין איך!

# מאשינדעלאך

1.

פאַרוועדטס איילען די מאַשינען
שמוציג איז אין שאַפּ און הייס,
פון דעם שטערען פּילט מען רינען
דיקע טראָפּנס שווייס.
שנעל באַוועגן זיך די רעדער,
ס׳טרייבט די אַרבייט ראסטלאז היך,
און אַ ליעדעל זינגט זיך יעדער
ביי דער נעה מאַשין.

רעפריין

איהר מאַשינדאלאך, איהר דרעהט זיך
און איהר, איהר רעקאַלאך, איהר נעהט זיך,
און איהר, באָסאַלאַך, איהר פּרייט זיך,
דען פון אונזער פּראַצע ווערט איהר רייך.
און מיר, מיר ארמע אַרבייטס לייט,
מיר, מיר געהן אויס פאַר דער צייט.

2.

עס צאַפּלען זיך די שוואַכע ביינער
ווערכע דאַרן איין אין סלעק,
און וואָס עס בלייבט פון יענעמס ציינער
גיט מען אונז אַוועק.
מיר האָרוועו דאָך צו פאַרזיסען
יענעמ׳ס לעבן, און ווער וויס
אַז אין אונזער יעדען ביסען,
ליגט אַ ים מיט שוויס!

רעפריין

3.

עס יאָגט אין אימפּעט ווייטער, ווייטער,
און די נאָדל ברעכט אין צווי,
און דער עלענטער אַפּרייטער
בלוטעט ביים געניי.
און דעם פּרעסער פּאַלט פון האַנט דאָס אייזען,
און דעם שניידער פאַלט די שער,
און די אַרבייט צו באַווייזן
איז דאָך זעהר שווער!

רעפריין

# צו דער אַרבּייט

שטעה שוין אויף, ישראליק, שטעה שוין אויף—
שטעהט אַ פאַטער, וועקט זיין קינד פון שלאָף—
שטעה שוין אויף ישראליק, ליעבעס קינד,
צו דער אַרבייט, צייט צו געהן אַצינד !

די נאַכט פון רוה פערשווינדעט וויא אַ טרוים,
דער שקלאַפען־טאָג, קומט שנעללער וויא דער שטראָם.
קינד ! דו הערסט? עס קלאַפּט דיא לעצטע שטונד,
צופיעל שלאָף מאַכט פויל און אונגעזונד . . .

שטעה שוין אויף, ישראליק, שטעה שוין אויף,
גיכער, ריהר זיך, נו שוין, מאַך אַ סוף !
טייער איז דיא צייט, פערשלאָף ניט איהר,
שנעלער געה! דיא אַרבייט וואַרט אויף דיר !

כ'ווייס, דיר איז דיא נאַכט אַ זיסער טרוים,
און דער טאָג — אַ וויסטער שקלאַווען־צוים,
וועלכער צווינגט דיך, צוימט דיך, שטונדען־לאַנג,
האַלט דיך אין זיין פעסטער שקלאַווען־צוואַנג ! . . .

כ'ווייס דוא וואָלסט נאָך וועלען שלאָפען מעהר,
כ'זעה דיר איז דאָס אויפשטעהן איצטער שווער,
דאָך, וואָס העלפט עס, קינד מיינס, ווען דו מוזט !
אָט דאָ שטאַרבט דיין וויללען און דיין לוסט ! . . .

שטעה שוין אויף, ישראליק, שטעה שוין אויף,
שנעללער, שנעללער, געה, דיין ליִיב פערקויף,
געה פערקויף זאָלאַנג דוא האָסט נאָך וואָס . . .
שפעטער?... אַ מיין קינד, וויא שרעקט מיך דאָס ! . . .

כ׳וואָלט דיך וועלן לערנען, בילדען פיעל,
זאָלסט אָ מאָהל אויך קומען צו אַ ציעל,
נאָר וואָס העלפט דאָס וועלן? ווען דיא נויט
טרייבט אונז, און פערשקלאָפּט אונז פיר דאָס ברויט ! . . .

שטעה שוין אויף, ישראליק, שטעה שוין אויף,—
שטעהט אַ פאָטער וועקט זיין קינד פון שלאָף,—
וועקט איהם צו דער שחיטה, זאָגט ווער ווייסט,
קען דער רייכער פיהלען וואָס דאָס הייסט ? . . .

# דער עמיגראנט

פון רוסלאַנד אַנטלאָפען אין לעטצטען פאָגראָם,
פון אַלעס בערויבט און בעריסען,
בין איך קוים מיט דעם לעבען אַריבער דעם ים,
אום פרייהייט דאָ היער צו געניסען —
איך געה דורך די גאַסען, איך בליק איבעראַל.
דער וויטאָג אין האַרצען איז גרויס,
איך זעה דאָ פיעל מעהרער נאָך, יאָמער און קוואַל
דאָ פעלט אויך קיין צרות ניט אויס.

ס׳איז אמת, דאָ ווערט ניט פערהאַסט מיין נאַציאָן,
דערפאַר איז דאָס לעבען דאָ איינגער.
איך זעה דאָ דעם שטריינגען נאַטשאַלניק ניט אָן.
דער דלות איז אָבער נאָך שטריינגער.
געצאָפּט האָט מיר רוסלאַנד, מיין בלוט גאַנץ אומזיסט.
דאָך זעה איך קיין אונטערשיעד נייז!
דאָ צאָפּט מיין בלוט טעגליך, דער קאַפּיטאַליסט,
און נאָגט מיר דעם מאַרך פון דעם ביין.

וואו האָט מען׳ס געזעהן און וואו האָט מען׳ס געהערט.
וואָס איז דאָ אַזוינס פאַר אַ פייער?
אַ מענש זאָל אַזוי דאָ ניט האָבען קיין ווערטה,
און אַ הונט און אַ קאַטץ, זאָל זיין טייער!
דעם פערד מוז מען אימער בעזאָרגען מיט שפייז,
דערויף זיינ׳ די מענשען דאָ קלוג,
און אָקסען פליש דוקא האַלט אימער דעם פרייז,
נאָר מענשען פלייש, ביללינ גענוג . . .

ווילא זאָל איך מיר, מענשען, ערקלעהרען די זאַך,
ווען איך נעהם דאָס איינע בעדיינקען:
מען בויעט האָספּיטעלער פאַר קראַנקע א סך.
און געזונטע לייט מאַכט מען צום קריינקען . . .
אַ ברויט ווער עס גנב'עט בעקומט באַלד אַסטראָג,
— דאַרויף גיבט געזעטצליכע קנעכט —
און דער וואָס רויבט טויזענדער יעטווידען טאָג,
דעם גיט מען אָפּ כבוד און רעכט!

ווילא זאָל דאָס געזעטץ רעספּעקטירט ווערען היינט,
ווי זאָל עס דער אַרמער פערטראָגען?
ווען דער ריכטער אַליין, בייגט זיין קאָפּ פאַר'ן גביר —
פאַר ווען זאָל דער קבצן זיך קלאָגען ?
מען בלענדט זיינע אויגען מיט „טריקס" אַלערליי,
ווער זעהט דען דעם שווינדעל ניט אָן? —
אָט ווערט ער „אַרעסטעט" און באַלד ווידער פריי,
ס'זאָל הייסען אַ טובה געטאָן . . .

גענוג איז דיא אַרבייט, שוין ביטער און שווער,
נאָך שווערער איז זי צו בעקומען;
גאַסען־טרעמפּס קומען צו טעגלעך אַלץ מעהר.
זייערע פּלעטצער פון אַנדערע פערנומען.
פּרויען, פּערקויפען זייער עהרע פאַר געלט;
פון קינדער, דעם צער ווער קען זעהן!
אָה, גאָט! אויב דו ביסט עס, דער פיהרער דער וועלט —
דאַן קען איך דיין וועג ניט פערשטיין !. . .

פיעל האָב איך פערגאַנגענעם יום כפור געוויינט:
דורך געווייקט מיט טרעהרען דעם מחזור;
אַז מיר זאָל היינט בעסער זיין האָב איך געמיינט —
צו בינסטו דען גאָט אַזאַ אַכזר?
דו זעהסט מיינע עופה'לעך האָבען קיין ברויט,
קיין קראַנקהייט פעהלט אויך ניט ביי מיר;
איינס ליגט און גוסס'עט, דאָס צווייטע האַלב טויט,
און קיינעם גיבט דאָס ניט אַ ריהר.

נאָר איינס ברענגט מיר טרייסטונג: אַז דאָס וואָס איך האָף
און גלויב אַלץ, און וואַרט אַלץ געדולדיג,
דאָס פאָלק וועט דאַך ענדליך ערוואַכען פון שלאָף
און פאָדערען דאָס וואָס מ׳איז איהם שולדיג.
אַז דאַן וועט אַמעריקאַ זיין אַ פריי לאַנד,
בערוהיגט וועט זיין יעדענס הערץ,
דער איד און דער קריסט, וועלען גייך האַנד אין האַנד.
פערשווינדען וועט דומהייט און שמערץ!

# צ י ט ע ר ט

ציטערט, פלאַטערט, איר רשעים!
אייער גהנום פלאַמט שוין אויף,
צו פול זיינט איר מיט חטאים,
נעמען מוז עס שוין אַ סוף . . .

זעהט אַ קעסעל, רויט ווי צונטער,
זידען קאָכען אָהן אַן ענד,
און מי לייגט אַלץ מערער אונטער,
און עס פלאַקערט און עס ברענט.

דיזער קעסעל, זאָלט איהר וויסען,
אין דעם אַרבייטערס געדולד,
פלאַצט ער — דאַן ווערט אַלץ צוריסען,
און עס וועט זיין אייער שולד . . .

אַללעס וואָס וועט זיין דערוויעדער
איהם, דעם קעמפפער, אין זיין שלאַכט,
וועט עס פאַלען, שטירצען ניעדער
דורך זיין אייזען־שטאַרקע מאַכט! . . .

ציטערט, פלאַטערט, איהר רשעים!
זעהט, דער קעסעל קאָכט זיך גוט . . .
וואַשט אָפּ אייערע חטאים . . .
געלט־זעק — אין אייער אייגען בלוט! . . .

# דער ארבעטער פאעט

(נאָך ראָזענפעלד)

איך קום פון אַ פינסטערע, דומפיגע שאָפּ,
אַנ׳אַנדער ליעד קען איך אייך זינגען:
אַ ליעד וואו עס רוישען מאַשינען אין קאָפּ,
וואו טענער פון וועהמוטה פערקלינגען.

אַט־דאָס איז מיר היימיש, אַט דאָס איז מיר קלאָהר,
דאָס זינג איך זאָ אָפט און זאָ גערען,
ס׳באַגלייטען מיך טויזענדער גייסטער אין כאָהר,
עס איז גאָר אַ פחד צו הערען.

איך טראָג ניט קיין קרוין אַלס געקרוינטער פּאָעט,
איך טראָג אָבער — בלוטענדע וואונדען,
וואָס בלוטען אָהן אויפהער, אַזוי וויא איהר זעהט,
מיט זאַלב ניט געשמירט ניט פערבונדען.

איך זינג ניט פון ליעבע, איך זינג ניט פון גליק,
וויא קום איך צו זאַלכע געזאַנגען?
איך זינג פון אַ פינסטערע, דומפּפע פאַבריק,
פון קעטטען און אייזערנע צוואַנגען.

דען אַלץ וואָס איך זעה אין דעם פינסטערען שאָפּ,
פיללט אָן מיט געדאַנקען פון טרויער מיין קאָפּ;
זאָגאַר אויף דעם „באָס״ אויף דעם „סוועטער״ אַליין,
קלעמט מיר פיר מיטלייד דאָס הערץ, און איך וויין . . .

# מיינע געפיהלע

1.

ווילא זאָלל איך ניט וויינען, וויא זאָלל איך ניט קלאָגען,
וויא זאָלל מיר ניט וועה טאָהן דאָס הערץ, —
דיך זעהענדיג, אַרבייטסמאַנן, איממער זיך פּלאָגען,
אין קוואַללען פון לייד און פון שמערץ?!
ווי זאָלל דען מיין קלאָג־ליעד ענטשוויגען גאָר ווערען,
וויא זאָלל דען ניט טריעפּען מיין בלוט, —
דיך זעהענדיג איממער זיך באָדען אין טרעהרען.
דו מענש, וואָס דו שאַפסט אַלל־דאָס־גוט?!

2.

איך זעה דיך ביין ווערקשטאַט, פון פריהיסטער קינדהייט.
אומאַרעמט פון לייד און פון שמערץ,
איך זעה דיך אין אַרמוטה, איך זעה דיך אין בלינדהייט,
דיין לאַגע צובּרעכט מיר דאָס הערץ!
איך זעה דיך ביין הובעל, איך זעה דיך ביין האַממער,
איך זעה דיך אין שמוטץ און אין שטויב,
דאָך איממער־צו זעה איך קיין שפּייז אין דיין קאַמער,
קיין שיך און קיין קלייד אויף דיין לייב!

3

הויב אויף דיינע אויגען און בליק אין דיא קרייזען
פון קונסט און פון רייכען פערשטאַנד,
און זעה די געביידען פון שטיינער און אייזען,
געבויט פון דיין אייגענע האַנד;
און זעה ווי ביי דיר איז פולל נויטה אין דיין צימער,
פאַר אַלץ וואָס דו מאַכסט און ערצייגסט,
און וויס אַז דוא בלייבסט בעטלער אייביג און איממער,
זאָלאַנג וויא דו דולדעסט און שוויגסט!

# אין ביזי צייט

I.

רוישענד לויפען דיא מאַשינען,
פאָרוועטס געהט אַלץ פאַן דער האַנד,
אַך עס ברעכט דער מוח, און זינען —
וויא מען צאַפּעלט נאָך אַנאַנד.

שנעל ווי מעגליך אײַלט זיך יעדער,
צאַפּעלט זיך איהר אַרבייטסלײַט.
ביזי, ביזי, טרייבט די רעדער,
יעצט איז שקלאַפען אֵייער צייט.

און עס רוישען די מאַשינען,
און די אַרבייט געהט פאַן האַנד.
אַך עס ברעכט דער מוח, און זינען —
ווי מען צאַפּעלט נאָך אַנאַנד.

II.

דאָרט פאַן וויטען זיצט אַ מיידיל,
בלאַס ווי קאַלך, ביי דער מאַשין.
קאַם וואָס קאַם, זיא טרייבט דאַס רעדיל,
און זיא פאַלט ניט קראַפּטלאַז — הין.

אַ טיפער זיפצען לאַסט זיך הערען
פאַן איהר קראַנקער ברוסט אַרויס,
אַ קאַלטער שווייס בעגיסט איהר שטערן,
אַט געהען איהר דיא כוחות אויס.

דאָך עס העלפט ניט, זיא מוז זיצען,
יעצט איז ביזע, יעדער ווייס,
מוז מען נייען, מוז מען שוויצען,
מעג עס קאָסטען טייכען שווייס!

## III.

מיסטער באָס אַ לאָזט מיך סטאָפּען,
עס איז מיר שלעכט, איך האַלט ניט אויס,
עס רוישט אין קאָפּ, מאַשינען קלאַפּען,
אַ לאָזט מיך פריי, אַ לאָזט מיך לויז.

— פערטיג מוז די דיא ארבייט ווערין,
זאָגט דער באָס, ניט פיעל געטראַכט,
מעג עס קאָסטען בלוט און טרערען,
מוז די ארבייט זיין געמאַכט.

יאָגט זיך — טראַכט ער — פוסטע מוחות,
מאכט די ארבייט שנעל אַוועק,
יעצט איז ביזע, לייגט צו כוחות,
קריינקען וועט זיין צייט אין סלעק . . .

## IV.

און עס רוישען די מאַשינען,
און די ארבייט געהט פון האַנד,
אַך עס ברעכט דער מוח, און זינען,
ווי מען צאַפּעלט נאָך אַנאַנד.

און דאָס שוואַכע בלאַסע מיידיל
ארבייט ווידער שטיל און שטום,
קאָם וואָס קאָם, זי טרייבט דאָס רעדיל,
אָט אַזוי פערוועלקט אַ בלום . . .

סטאָפּ! דאָס רעדיל בלייבט אין מיטען,
מענשען! טהוט אַ בליק אַהין,
אַז זיא האָט ניט דורך געליטען,
אונד געפאַלען — ביין מאַשין . . . !

# פון גלויבען צום קאמף

איך האָב געליטען אימער, און געגלויבט,
און גלויבענדיג האָב איך געלאָזט מיך רויבען,
ביז ענדליך, דער פערשטאַנד האָט מיך געראויבט,
מיין לעצטע, איינציגע בעסטע טרייסט — דער גלויבען.

איך האָב געגלויבט, אַז דאָ פיר מיינע לייד,
ווען איך וועל נור פרום און גלויביג שטאַרבען.
וועל איך מיך דארטען זעטיגען אין פרייד,
און ליידען וועט דער רייכער דאָרט, און דאַרבען.

און גלויבענדיג אין דיעזע „נאָכ'ן טויט" נקמה,
האָב איך געדולדיג אַלל־דאָס־בייז פערטראָגען
געלייטערט נור פיר א י ה ם מיין זינדיגע נשמה,
און האָב געלאָזט די בויטה, מיין „איך" דערשלאָגען.

נור יעצט, ווען דער פערשטאַנד האָט שטאָלץ בעזיעגט מיין גלויבען
יעצט דולד איך מעהר ניט אַלל דאָס בייזע, שלעכטע,
איך טרעט אַרויס אין קאַמפף אַנטקעגען די וואָס רויבען,
און קעמפף אַלס מענש, פיר מיינע מענשען רעכטע!

# צו די אַלטע פּאַרטייען

זאָגט נור — איך בעט אייך — איהר אַלטע פּאַרטייען,
איהר בודעל פּאַרטייען פון טראַסט און פּראָטעקשאָן,
וואָס קומט איהר אונז אימער דיא מוחות פערדרייען,
נור אימער בעפאָר דיא עלעקשאָן?

וואו זייט איהר אַ גאַנץ יאָהר? דער רוח ווייס פון וואַנען
איהר קומט וויא פערסמ'טע גאָר פּלוצלינג צולויפען,
וואָס מיינט איהר, אַז אייביג דורך קונציגע פּלאַנען
וועט איהר אונזער שטימע אָבקויפען?

איהר האַלט אין איין ריידען, איהר האַלט אין איין זאָגען,
נאָר ווערטער און פּראַזען וואָס לאָזען זיך קייען;
און מיינט אַז מיר האָבען אַן אייזערנעם מאָגען
וואָס קען אַלל־דיא שקרים פערדייען?

ביי יעדען עלעקשאָן געפינט איהר אַ פּראַגע,
אַ פּראַגע אַ נייע און נאַרט אונז נור אימער,
ווערענד דיא לאַגע, דיא אַרבייטער לאַגע,
ווערט טעגליך אַלץ שלימער און שלימער.

איהר מאַכט אונז גאָר גליקליך מיט אייערע פּאַרטייען,
אין אמת, איז גוט מיט זיי פייער צו שאַרען,
וואָס קען אונז דען העלפען מעקינלי און ברייען,
ווען אייער פּלאַטפאָרמע איז נאַרען און נאַרען?

גענוג אייך שוין בלאָפען, עס טויג דאָך אויף קלאָגען,
מיר ווייסען, איהר בריינגט אונז צרות און צרות,
און וואָלט איך ניט „פירכטען פיר גאָט" וואָלט איך זאָגען:
מען דאַרף אייך אויף טויזענד כפרות.

איהר רויבט אונז, ביש־קשה, דער אַרבייטער ווייסט עס;
און הייבט ער אָן דיינקען, דאַן מעג אַייך זיין וועה,
דאַן ברעכט איהר איין מאַסען צוזאַמען, דאַן הייסט עס
— עס שווינדט יעדע בלאָף, יעדע בודעל פּאַרטיי.

עס גיעבט אַ פּאַרטיי וועלכע בעט זיך ניט ריהמען,
דיא „סאָציאַל דעמאָקראַטישע" שרייט ברידער הוריי,
פיר דיעזע נור אַרבייטער וועלען מיר שטימען,
דען דיא איז דיא איינציגע וואַהרע פּאַרטיי.

# וואס וועט זיין דער סוף

1.

אַ בליק ווען איך גיב אויף דער אַרבעטער וועלט
דאַן ברעכט מיר מיין האַרץ אין געוויין.
ווי אַרמוט און דחקות און הונגער און קעלט
איז פול ווי דאַס אויג קען נאַר זעהן.
דער אַרבעטער שאַפט נאַר פאַר יענעם דאַס גוטס
פאַר זיך לאָזט ער דלות און צער!
מען לעבט פון זיין פּראַצע, מען לעבט פון זיין בלוט,
און איהם מאַכט מען נאַר צום נאַר.

רעפריין

אַ טרוימענדע שלעפער,
איהר האַלט אין איין שלאָף!
אָ, זאָגט זשע מיר טרוימער,
זאָגט, וואָס וועט זיין דער סוף?

.2

אָ, עלענדער אַרבעטסמאַן, שוויגזאַמער קנעכט,
וואָס הויבט מען אָן מיט דיר צו טון?
מען רויבט דיר דיין פרייהייט מען רויבט דיר דיין רעכט,
און דו נעמסט דיין קריוודע ניט אָן!
מען לעבט אויף דיין חשבון, מען לעבט אויף דיין קאַרק,
און אַלץ וואָס דו מאַכסט און דו צייגסט,
ברייננגט איין מיליאָנען פערמעגענס דעם מאַרק,
און דו שטעהסט פון וויטנס און שווייגסט!

רעפריין

.3

דו אַקערסט די פעלדער, דו זייסט און דו שניידסט,
די ערד שאַפט אַ רייכן פראָפיט!
דאַך גיב אַ קוק עלענדער, זע ווי דו ליידסט,
דיין פעלד האָט פאַר דיר ניט געבליט!
דו שפינסט אויס די וואָלע, דאַך האָסטו קיין קלייד,
דו הונגערסט, האָטש דו באַקסט די ברויט!
דו שאַפסט נאָר פאַר יענעם אַ לעבען פון פרייד
פאַר זיך נאָר אַ לאַנגזאַמען טויט!

רעפריין

# יודעל פראָלעטאַר

מיט דער מעלאָדיע פון „טשומאַק“.

קראַנק ליעגט אין אַ ווינקעל צימער,
יודעל פראָלעטאַר,
און זיין מאַטער, בלאַסער פנים,
דריקט אויס לייד און צער.
קראַנק איז יודעל, קראַנק געפעהרליך,
איהם צו קאַפינס האַרט,
שטעהט דער קאַלטער מלאך המות,
קוקט אויף איהם און וואַרט!

קאַלט און פינסטער איז אין צימער,
דונקעל שוואַרץ דיא ווענד,
יודעל, עפּענט אויף דיא אויגען,
און פערברעכט דיא הענד,
ער זעהט זיך עלענד און פאַרגעסען,
אויף זיין וועה געשריי,
קומט קיין פריינד, קיין מענש איהם פרעגען,
וואָס איהם טהוט כאָטש וועה!

עס ברעכט דאָס הערץ, עס רוישט אין מוח,
און דאָס לעבען שווינד —
דאָך זאָרגען, זאָרגט דער קראַנקער ווענינ,
ער האָט קיין הויז־געזינד,
פרעמדע וועלען איהם בעדויערען,
מאַנכע מיט אַ טרעהר,
און קדיש וועלען נאָך איהם זאָגען,
דיא נאָדעל און דיא שער !

געלעבט האָט יודעל אימער אָרעם,
געליטען און געשאַפט,
זיין איינציג ביסעלע פערמעגען,
וואַר זיין ביסעל קראַפט.
אויך דאָס האָט ער שנעל פערלאָרען,
אינ׳ם קאַמפף פיר ברויט,
שאַפענדיג פיר יענעם אַללעס,
און פיר זיך דעם טויט !

דער טויט ער מוז און וועט יעצט זיעגען,
צווייפלען האָט קיין זינן, —
עס שטעלט זיך איהם זאָגאַר אַנטקעגן,
קיין דאָקטאָר, מעדיצין,
און זוי שטאַרבט אַ יונגעס לעבען,
דאָך בלייבט דער וועג ניט לעער —
עס קומען אין דער רייע טעגליך,
אימער מעהר און מעהר !

# צו ערענסט פאר אייך

ליעדער ווילט איהר פריינדע הערען?
ליעדער האָט זיך אייך פערגלוסט?
ווילט איהר וויינען, גיסען טרערען,
זיצט איין הערץ אין אייער ברוסט ? . . .

ליעדער ווילט איהר כ׳זאָל אייך זינגען?
טרערן ליעדער, וועה געזאַנג?
ווילט איהר הערען קעטען קלינגען,
קרעכצען פון אַ שקלאַווען צוואַנג ? . . .

זאָל איך מיינע הערצענס סטרינעס
טונקען אין אַ טרערען טייך,
אונד אַ טרויער ליעד, פאַן קינות,
זינגען שפיעלען דאָ פאַר אייך ? . . .

פיהלט איהר אויך דעם שקלאַפענס שמערצען?
ריהרט אייך אויך זיין קלאגעס ליעד?
אָ! דאַן וועל איך אייך פריי פאַן הערצען,
זינגען און ניט ווערען מיעד.

ווילט איהר אָבער פריילאַכס הערען,
אונמוטהיג׳ס געהט אייך ניט איין ?
לאַכען, שפּאַסען, פריילעך ווערען,
אַמוזירען זיך גאַנץ פיין?

דאַן רופט אַ בדחן ליעבע ברידער,
ער וועט פריילעך מאַכען גלייך,
דען איך בין מיט מיינע ליעדער,
צו פיעל ערינסט דאָ פאַר אייך !

# פערזענלעכע שטימונגען

# און

# עלעגישע מאטיוון

# אין פערצווייפלונג

איך זעה אַז איהר ווילט מיר איין ריידען,
אַז איך בין געזונד נאָך און שטאַרק,
אַז לאַנג, אָ נאָך לאַנג קען פערטראָגען,
די שרעקליכע משא—מיין קאַרק!

אַז לאַנג, אָ לאַנג קען איך לעבען,
מיין האָפפנונג איז גאָר נאָך ניט אויס,
אַז לאַנג קען איך לעבען און פיהלען.
דאָך זאָגט מיר וואָס קומט אייך אַרויס?

איהר פרעגט ניט דעם דאָקטאָר! דער חולה —
נור ער קען אייך צייגען זיין שמערץ,
איהר דאַרפט מיר קיין מעשיות דערציילען,
איך פיהל עס גאַנץ טיעף אין מיין הערץ!...

איך פיהל אַז מיין זאָנגע געהט אונטער,
דאָך טוהט מיר דאָס וויניג וואָס באַנג,
דען סאַיי־ווי־סאַיי האָס איך דאָס לעבען,
וואָס בינט מיך אין שרעקליכען צוואנג.

נור ווען עס וועט פרייהייט בעצירען,
דיא יעצטיגע ליידענדע ערד,
אונד איינער וועט געגען דעם צווייטען,
ניט הייבען קיין האַנד און קיין שווערד.

אָ, דאַן ווען פאַן אַלע נאַציאָנען
וועט ווערען נור איין נאַציאָן
אונד הערצליך וועט יעדערער דינען
דיא וואַרהייט — זיין רעליגיאָן...

דאַן, וועל איך שוין ליגען אין קבר,
ניט פיהלען, ניט האָבען דעם בליק,
ניט הערן, ניט קענען בעזינגען,
דאָס וואַהרע, דאָס מענשליכע גליק!...

# אויפ׳ס ווידערזעהן

(הערבסט מעלאָדיע)

וואָס בליקט דער הימעל יזוי פערטראַכט?
וואָס בעדייט זיין קאַלטער בליק?
עס אַנטוואָרט מיר די קיהלע נאַכט:
— די אַנטוואָרט גיט מיר אַזאַ דריק, —
„אַ, זעה ווי די פעגעלעך דאַרבען,
זיי פיהלען דעם קומענדען שנעע:
אַ, זעה ווי די בלימעלעך שטאַרבען,
דאָס פליסטערט דער זומער, אַדיעו!"

איך פרעג ווארום דער זומער פליהט?
וואָס איילט ער זיך אַזוי און שוועבט?
פאַר מיך האָט נאָך קיין בלום געבליהט,
קיין פריהלינג האָט מיך נאָך בעלעבט!
נאָטור האָט איהר פרייד און איהר קומער, —
איך, עלענדער, האָב ניט דאָס גליק,
פאַר מיך גיבט קיין פרילינג, קיין זומער,
מיין לעבען ווערקט נור אין פאַבריק! . . .

איך זעה וויא שנעל דער זומער ציהט,
ער ציהט געשווינד דורך באַרג און טהאַל,
דאָס גראָז פערוועלקט, די בלום פערבליהט,
און אַלעס שטאַרבט אָפּ מיט אַמאָל!
איך הער וויא די פעגעלעך חליפּפּען,
מיין הערץ ווערט אויך פול מיט געוויין,
און שטיל מורמלען נור מיינע ליפּפּען,
„אויפ׳ס ווידערזעהן, אויפ׳ס ווידערזעהן!"

# יענע לידער וועלכע זינגען

יענע לידער וועלכע קלינגען
אימער געטליך און שעהן,
וואס מיין מוטער פלעג מיר זינגען
קינדערווייז, פיל מיט חן —
יענע לידער, ליעבע ברידער,
האבען שוין געפעהלט!
נייע לידער הער איך ווידער
זינגט מיר יעצט די וועלט.

לידער וועלכע איך טו הערן
שטראמען ווי א קוואל,
און עס פליעסען מיינע טרערן,
טרערן פול מיט גאל!
לידער פון דעם וויסטען לעבן
פול מיט שמערץ און וועה,
איך וואלט דאס ליעבסטע אבגעגעבן
ניט צו הערן זיי!

דאך עס לעכערט דורך דעם מוח,
בויערט דורך דאס הערץ,
און ערוועקט א טיפען טרויער,
טיפער וועה און שמערץ.
און עס רייסט זיך אויס פון הערצן
זיפצען אן א ברעג!
אך די לידער, אך די שמערצן,
קירצן מיינע טעג.

# ווען איך וואָלט פערשטאנען

(מוזיק פאָן ג. מענדעלסאָן)

ווען איך וואָלט פערשטאַנען דיא שפּראַך פֿון די פעגעל,
וואָס פליהען און שוועבען אויף בוימער און זעגעל,
וואָס זינגענדיג הערט מען אַ שטראָם מעלאָדיען,
אַ וועלט מיט געדאַנקען אַ ים פּאָעזיען,
און וואָלט נאָך פערשטאַנען דעם קרעכץ פונם ווינד,
וויא גליקליך געוועהן וואָלט איך אירדישעס קינד!

ווען איך וואָלט פערשטאַנען דיא שפּראַך פאָן
דיא בלוממען
דאָס רוישן פאָן בוימער, דאָס זשוממען און ברוממען,
ווען איך וואָלט בעגרייפען די סודות דעריבער
וואָס איינס גיט דאָס צווייטע געהיימניספאָל איבער
דאַן וואָלט איך פערשטאַנען, דאַן וואָלט מיר זיין ניי,
דעם פריהלינגס העללאָ, און דעם ווינטערס גוד ביי!

ווען איך וואָלט פערשטאַנען די שפּראַך פֿאָן די ים׳ען,
די סודות פאָן זייערע אונענדליכע תהום׳ען,
דאַן וואָלט איך זיי בעטען, זיי זאָללען מיר זאָגען,
פיעל אָפּפער עס האָט שוין פערשלונגען זייער מאָגען,
און וואָלט זיין אַ בעלן צו וויסען, צו לעצט,
פיעל אוצרות געזאַממעלט זיי האָבען ביז יעצט!

# אַ ווינטער נאַכט

טרוימענד איז דער טאָג פערשוואונדען
אונד זיין שוואַכען זאָנענשטראַהל
האָט די שטילע נאַכט פערבונדען
אין איהר דונקעל־שוואַרצער שאַל
אַלעס רוהט אין טיעפען דרימעל,
גלייך עס וואָלט קיין מאָהל געוואַכט,
זעלטען צייגט זיך נור אין הימעל
זיא — דיא קעניגען — דער נאַכט . . .

פריי פון קעטען אָפּגעבונדען
מיעד פאָן שקלאַפענטאָג — פערשוואַכט —
אין די זיעסע אבענד שטונדען,
געה איך מיר אַרום פערטראַכט,
ווייט אַרויס אויף ברייטע פעלדער
דאָרט וואו אַלעס שיינט זאָ מילד,
וויס מיט שנעע באַדעקטע וועלדער,
ווייסע בערג — אַ ווייסער בילד . . .

פריי פאָן לעבענס שווערע דריקונג!
אַך וויא ליעב איז מיר דער אָרט,
עפּעס פיל איך אַ דערקוויקונג
טיעף ביי מיר אין הערצען דאָרט.
ווייט פון מענשען, ווייט פאָן טרערען,
ווייט פאָן שווינדעל, ווייט פאָן געלט.
אַך! וויא לאָסט זיך מיר דאָ געהרען,
טרוימען פאָן אַ זיסער וועלט!...

אַ וועלט, וואו פרייהייט וואָלט געזעסן
אויפען טראָהן, און וואָלט רעגירט,
אונד דיא וואַרהייט, איהר פרינצעסען,
וואָלט דעם גאַנצען זאַל בעצירט,
קיינע דריקער — אונטערדריקטע,
קיינע הערשער, קיינע קנעכט,
מענשען אַלע גלייך בעגליקטע,
גלייכע פרייהייט, גלייכע רעכט.

זיסע בילדער! כ'זעה איך שוועבען
פאַר די אויגען, אונד איך פיהל
אזאַ טיעפען לוסט צום שטרעבען,
צו דעם לעבענס הויכען ציעל.
אונד באַגייסטערט פאַן דעם זינען,
פאַן דעם לעבענס פרייהייטס בוים,
פיהל איך נייע קרעפטען דיענען,
אונד איך וייטער געה אונד טרוים.

שטונדען זיינען פיעל פערגאַנגען,
זיסע שטונדען, טרוימענד, שטיל
בין איך איינזאַם אַלץ געגאַנגען,
וייטער, וייטער אָהן אַ ציעל.
פלוצלינג הער איך זיססע קלאַנגען,
שטימען, וויא פון האַרפען קלאַנג,
אַך! עס האַט מיין הערץ געפאַנגען
דאָס בעגייסטערט כאָר געזאַנג ! . . .

„מיר זיינען דיא גייסטער,
דיא קינסטליכע מייסטער,
וואָס וועקען דעם עולם פאָן שלאָף
וואָס וועקען וואָס שאַללען
וואָס געבען סיגנאַלען,
אַ אַרבייטער בריעדער שטעהט אויף . . .

„מיר זיינען דיא שעפער,
וואָס שאַפען אין שלעפער
אָן האָפנונגס גייסט אין זיין ברוסט,
מיר צייגען פאָן וייטען
איהם גאָלדענע צייטען
און ווינקען איהם, שטרעבען מיט לוסט ! . . .

„מיר קוממען מיט טרייהייט,
אייך ברענגען דיא פרייהייט,
איהר ווילט אונז ניט הערען, ניט זעהן,
דאָך פלאַנצען און זייען
מיר פרייהייטס אידעען,
אין דיא וועלכע ווילען פערשטעהן ! . . .

„מיר ברענגען אייך וואפפען
וואס שטארקען דעם שלאפען,
וואס מאכען פאן שוואכען א העלד,
מיט ערענסטע ווערטער,
וואס שניידען וויא שווערטער,
זא טרעט ער ארויס אויפען פעלד . . .

„עס וויל אונז דערדריקען,
פערניכטען, דערשטיקען,
דיא דינער, דיא קנעכט פון מאמאן,
דאך זאגט דיא טיראנען,
מיר לעבן ביז וואנען
מיר ברענגען דער פרייהייט — דעם טראהן . . . "

**
*

טרוימענד איז דיא נאכט פערשוואונדען,
אונד איך האב פאן טרוים ערוואכט,
וועה! דיא וויסטע שקלאפען שטונדען,
רופען וויעדער מיך מיט מאכט,
ניט געטרונקען, ניט געגעסען,
צו דער ארבייט, בלאס, פערשמאכט;
מענשען! קען איך דען פערגעסען
יענע זיסע ווינטער־נאכט ? . . .

# מיין משוגעת

מענשען זאגען, כ׳בין משוגע,
נאר אין דול־הויז, זאל איך געהן!
אלע לאכען, אלע קוועלען,
נאר איך איינער זיפץ און וויין!

אלע זיינען לוסטיג, פריילעך,
זאגען ווערטלאך, טרייבען שפאס,
נאר איך איינער, ווי אין אבל,
מאך דיא ערד מיט טרערען נאס!

אָ, מענשען, איהר, נור איהר זייט שולדיג,
וואָס עס טרויערט זאָ מיין הערץ,
אייער לאַכען מאַכט מיך וויינען,
אייער פריידע איז מיין שמערץ! . . .

דען וואָס זיינט איהר?... דינער! שקלאַפען!
און איהר לאַכט גאָר? און איהר קוועלט? . . .
וויינען דאַרפט איהר! יאָ, בעוויינען —
אייער לעבען, אייער וועלט! . . .

היינט איז יום־טוב ליעבע קינדער,
היינט איז פורים, מאָרגען — אויס,
ביי דער אַרבייט ווערט פאַרזעסען,
לאָזט קיין איינציג וואָרט אַרויס! . . .

ווייסט איהר עפעס פאַן א חיות?
הייסט איהר מענשען מיט פערשטאַנד?
וואַרום זוכט איהר ניט צו קלערען
מיטלען פיר איין אַנדער שטאַנד?

ווייניג זיפצען קאָסט דאָס לעבען?
ווייניג איז אַייך וועה און ווינד?
קלערט נאָר גוט נאָך אַייער לאַגע,
זאָגט מיר, לאַכט זיך אַייך אַצינד?

יאָ, ס׳איז אמת, כ׳בין משוגע,
און מיין דול־הויז איז דיא וועלט,
לאָזט מיך וויינען, לאָזט מיך קלאָגען,
איך בין שוין דארויף געשטעלט.

# ניט אײביג בלײבט װינטער און זומער

אַ, מײן ניט, דער װינטער װעט אײביג געװערען
און װיקלען דיא ערד אין זײן אײז־קאַלטע שאַל.
עס װעט נאָך דאָס בײזע געװיטער פערשטומען,
אַ פריהלינג װעט קומען, אַ פריהלינג װעט קומען,
און װעט װיא מיט צױבער בעגרינען דיא פעלדער,
בעלעבען דיא בלומען, בעקלײדען דיא װעלדער,
בעגײען דיא ערד איבעראַלל.
און אַלעס צוזאַמען און יעדעס בעזונדער,
װעט װערען פול לעבען, און װיא דורך אַ װאונדער
אַלץ רײכער און מילדער און פרײער און לינדער,
און פײנער און ליעבער און קלעהרער און שעהנער
עס װעלען די פעגעל מיט הימלישע טענער
בעזינגען דעם פריהלינג זױ ליעב און זױ גערען,
אַ, מײן ניט אַז אײביג בלײבט װינטער!

און מײן ניט דער זומער װעט אײביג געװערען,
אויך ער איז פאַרגײנגליך, אויך ער בלײבט ניט לאַנג,
און װי באַר דער הערבסט װינט לאָזט הערען זײן ניגון,
װערט ביסלעכװײז אַלעס, יאַ אַלעס, ענטשװיגען —
עס װעלקען דיא בלומען, עס פאַלען דיא בלעטער
עס װערט מעלאַנכאָליש און טרױריג דאָס װעטער,
ס׳פערשטומט יעדעס פעגעל געזאַנג,
דיא גאַנצע נאַטור איבערפילט װערט מיט קוממער—
עס הױבט אָן צו בלאָזען און דרעהען און װעען
און װעען און טרײבען און פרירען און שנעען
דער װינטער לאָזט פיהלען, דער װינטער לאָזט הערען,
אַ, מײן ניט אַז אײביג בלײבט זומער !

# דאָס לעבען

איז דאָס לעבען נור אַ חלום
וועלכען מיר בעגרייפען קוים,
און דיא צרות וואָס מיר פיהלען,
שיינט אונז ברידער, נור אַ טרוים.

דאַן בין איך דערמיט צופרידען,
איינס נור, ברידער, טהוט מיר באַנג,
וואָס דער שוידערהאַפטער חלום —
דויערט, דויערט אזוי לאַנג.

# דער רעגען

דיקע, פולע, טראָפּנס קאַלטע
פאַלען לאַנגזאַם זיך אַראָפּ,
אונד איך איינזאַם שטעה, געבויגען
צו דער ברוסט מיין שוואַכען קאָפּ . . .

מענשען זוכען זיך צו שיצען
פאַן דעם הימעלס קאַלט געוויין,
דאַך איך שטעה מיר אונבאַוועגליך
גראדע ווי אַ מאַרמאָר שטיין . . .

איך בעטראַכט די טראָפּנס רעגען,
און מיין הערץ ווערט טרויערפאָל,
עפּעס דוכט מיר, אַז די וואָלקען
זיי באַוויינען מיין שיקזאַל!

מיין פערפינסטערט, וויסטעס לעבען,
וועלכער איז שוין האַלב פערקיהלט . . .
און די אויסגעוויינטע אויגען,
ווערען ווידער אָנגעפּיללט . . .

אנגעפילט מיט הייסע טרערן,
פול מיט גאַל אין יעדען טראָפּ . . .
דורך געמישט מיט קאַלטען רעגען
פאַלען זיי צו דר'ערד אַראָפּ . . .

מעג דער רעגען יעצט אויפהערען,
מעג עס זיין זיין לעצטער טרעהר!
דאָך די טרעהרען, מיינע טרעהרען,
וועלען פליסען מעהר און מעהר!...

# שווייס און טרעהרען

(בזעת אפיך תאכל לחם. (בראשית) ג' י"ט)

מיעד פאָן שווערען אַרבייטס־טאָג,
פול מיט מאַטערניס און פּלאג,
זיטץ איך ביי מיין טיש פערטראַכט,
אָך ווי זיס מיר איז דיא נאַכט! . . .

ס'ציהט דאָס הערץ, איך שפּיר ס'איז הויל,
מען גיט מיר עססען, כ'נעם צום מויל,
דאָ טהוט זיך אָבער גלייך אַ גאָס,
שווייס און טרעהרען אָהן אַ מאָס . . .

עס פערקלעמט מיר שטאַרקביין הערץ,
ביטער, ביטער איז דער שמערץ . . .
דיעזער מאָהלצייט, אָך ווער ווייס,
פיעל עס קאָסט מיך טרעהרען, שווייס.

שווייס און טרעהרען, אה שיקזאל!
כ'פיהל ס'איז ביטערער פאָן גאַל . . .
שווייס און טרעהרען — אָ! די נויטה!
זיי מאַכען פייכט מיין טרוקען ברויט! . .

כ'נעם דאָס ברויט אין מויל אַריין
כ'שטיק מיך מיטען ביסען מיין,
מענשען! אָ, איך פיהל אין ברויט
איז פערמישט דער טעם פאָן טויט! . . .

# אָבענדס צייט

וועז דער אַרבייטס־טאָג פערשווינדעט
וועז זיין ליכט ווערט אָבגעשוואַכט,
אונד נאָך זיין פערשווינדען — גרינדעט
באַלד איהר פינסטערניס דיא נאַכט.

ווען אין בלאָה־קאַלירטען הימעל,
צייגט דער מאָנד זיין בלאַסען שיין,
אונד אַ טיפער שווערער דרימעל
שלעפערט אַללעס, אַללעס איין. —

ווען מיין לאַמפּע פאַנגט אָן צאַנקען,
לאַנגזאַם, לאַנגזאַם אויסצוגעהן,
דאַן פערטיעפּט אין נאַכט־געדאַנקען,
זיטץ איך איינזאַם, זיפץ און וויין ! . . .

פינסטער־חושך ווערט אין צימער,
פינסטער־חושך אויפען הערץ,
אונד אין הערצען, זאָ וויא אימער,
רופט זיך אָפּ דער אַלטער שמערץ ! . . .

אַלטע שמערצען, אַלטע פּלאָגען,
פונקט ווי אין דער אַלטער צייט,
אַלטע וואונדען, אַלטע קלאַגען,
נור מיט טרערען ניי בענייט . . .

פרעגט ניט וואָס מיך דריקט אין הערצען,
צרות האָב איך זעהר אַ סך . . .
ווילט איהר וויעסען מיינע שמערצען?
מוזט איהר קענען טרערען שפּראַך . . .

אָ, דיא טרערען, זיי דערציילען
מיינע ליידען, טרויריג, שטיל,
אין דיא טרערען, איז פערהוילען
אַללעס וואָס איך לייד אונד פיהל ! . . .

אונד איך זיפצענד בליק צום הימעל,
שפיגעל זיך אין בלאַסען שיין . . .
ביז אַ טיעפער קאַלטער דרימעל,
שלעפערט אַללעס, אַללעס אַיין . . .

# נאַכט גערדאנקען

צווישן די שטערען אין הימלישען רייך,
וואָס שוועבען אַרום מיט די וואָלקען צוגלייך,
און פינקלען און גלענצען, ווי פערל אין טייך,
און לייכטען און שיינען פיר יעדען, —
צווישען זיי אַלע בעמערק איך אין רוים
אַ גלענצענדען שטערען, בעוועגט זיך דאָרט קוים,
און בלישצעט פון וויטען, און פינקעלט אין טרוים,
און שטעלט פאָר אַ וועלט — אַ גן־עדן.

עס לעבען דאָרט מענטשען ווי ברידער ביינאַנד,
מען קען ניט קיין גזלה, מען לעבט ניט פון שאַנד . . .
נור יעטוועדער שפייזט זיך פון אייגענער האַנד,
ניטאָ דאָרט קיין בייזעס געזינדעל;
די זאַנגע שיינט דאָרטען פיר אַלעמען גלייך,
קיין ראַסען, קיין קלאַסען, קיין אָרעם און רייך,
מען שפייזט זיך פון בוימער, פון ערד און פון טייך,
ווער ווייסט דאָרט פון האַבזוכט און שווינדעל?

מען לעבט דאָרט מיט חשבון, פיר אַלעס אַ צייט,
דאָס לעבען איז דויערהאַפט, רוהיג אָהן שטרייט,
אין חכמה געשטיגען, אין בילדונג גאַנץ וויט,
מען גלויבט ניט אין הבל הבלים! —
אַך! זאָ איינעס לעבען, בעגייסטערט מיין זינן,
דאָס מאַכט מיך פערגעסען דעם אָרט וואו איך בין,
אויף פליגלען פון שטורם, וואָלט איך באַלד אַהין . . .
נור ליידער — דאָס איז נור אַ חלום! . . .

# צוריק

איינזאַם אין אַ ווילדער וויסטע,
וויט פאַן לעבענס קוואַל,
צווישען פעלדער, וועלדער פוסטע,
צווישן בערג און טאַל,

צווישען דערנער, זומפען, שטיינער,
וויט פאַן מענטשנס גאַנג,
האַב איך אומגעוואַנדערט איינער,
יאָהרען, יאָהרען לאַנג ! . . .

וויסט און פינסטער וואַר די געגענד,
הימליכקייט — קיין שפור,
נור זעלטען האַבען מיך באַגעגענט,
פייגעלעך אַ פאַר,

אויך זיי זיינען דורכגעפלויגען,
שטיל, מיך שטום בעגריסט . . .
אונד אַ וואו איך וואַרף די אויגן,
איז אַלץ חרוב, וויסט ! . . .

איינזאַם, עלענד, וואַר איך אימער,
עלענד ווי אַ שטיין,
טאָג ווי נאַכט נור זאָרג און קימער,
קימער, פול געוויין ! . . .

איבערדריסיג, וואַר דאַס לעבען —
— מיר ביי יענער צייט,
און עס וואַר מיין איינציג שטרעבען,
זיין צווישען לייט ! . . . .

יאָהרען זיינען פיעל פערגאַנגען,
כ׳האַב עררייכט מיין ציעל . . .
כ׳בין שוין יעצט נאָך מיין פערלאַנגען,
צווישען מענשען פיעל,

מענשען? . . . ניין! אַך, ווילדע טהירע,
הערצער, קוילען שוואַרץ,
יעדער איינער, ציינט זיין גבורה . . .
ציינט זיין טייפֿליש האַרץ.

איינער שפּאַנט מיך אין אַ וואַגען,
שלעפּ, זאָגט ער, דוא פּערד . . .
איינער וויל איך זאָל איהם טראָגען,
חאַטש איך פֿאַל צו דר'ערד ! . . .

דאָרטן פּליסען גאַנצע מעערען,
פֿאַן אַ יאָממער טאָהל;
רויט פון בלוט! געמישט מיט טרערען ! . .
פֿול מיט שטיקער גאַל ! . . .

מענשען! הערט מיך אויף צו טרעטען,
לאָסט מיך פריי פֿאַן שטריק . . .
בינט מיר אָפּ די שקלאַפּען קעטען . . .
לאָסט מיך געהן צוריק ! . . .

צוריק צו ווישען פעלדער פיסטע,
צו דער מדבר גלייך ! . . .
גלייכער לעבען אין אַ וויסטע,
איידער דאָ מיט אייך ! !

## ווינטער

קאַלטע ווינטען, טיעפע שנייען,
ברענענדיגע פרעסט,
ווילדע שטורעמס — אַט דאָס זיינען,
ווינטערדיגע געסט ! . . .

טיעפער אונמוטה, טויטע שטילקייט,
אַללעס האַלט אין שלאָף,
וועןֿ—ניט—וועןֿ נור קומט אַ שטורעם,
וועקט די בוימער אויף.

פעלדער, וועלדער — אַלץ בעצויגען,
מיט אַ ווייסער דעק,
דאָרעביימער, הוילע צווייגען,
וואַרפען גרויל און שרעק ! . . .

בלומען, בלעטער, וועלכע פלעגען
בליהען פול מיט פּראַכט,
האָט דער קאַלטער גזלן־ווינטער,
גערען אומגעבראַכט ! . . .

וויסטע, לערע, קאַלטע סטעפּעס,
זעה איך נור אַרום,
אונד פערזונקען אין געדאַנקען,
שטעה איך שטיל און שטום . . .

וויסטע, לעערע, קאַלטע סטעפּעס,
איינזאַם, טרויריג שטיל . . .
עפּעס פיהל איך אין מיין הערצען
וואַכט אויף אַ געפיהל.

קאַלט פערגליווערט פיהל איך ווערען,
מיינע גליעדער באַלד,
עפּעס ציהט מיך צו דעם אַלטען,
גראָהען טיפען וואַלד.

אַך! דער וואַלד האָט האַטש אין פריהלינג
הערליך, שיין געבליהט,
האַטש אין פריהלינג רייך געוועזען,
מיט זיין שיינעם צוויט.

האַטש אין פרילינג, האָט דאָס לעבען
איהם דערפרישט, דערקוויקט,
אָבער איך? ווען האָט אַ פריהלינג
מיך אַמאָל בעגליקט ? . . .

צייט איך לעב, אַך! פאַן געבאָרען,
פיהל איך לייד און שמערץ,
אונד אַ טיעפער קאַלטער ווינטער
קיהלט מיין ביטער הערץ ! . . .

# אַ טענה צו גאָט

לי הכסף ולי הזהב נאום ד׳ צבאות. (חגי)

איין זאַך וואָלט איך וועלען וויסען,
גאָט, עס זאָל דיך ניט פערדריסען,
כ׳בין אַ מענש פון פלייש און בלוט,
כ׳רעד ווען שלעכט — נעם אָן פאַר גוט . . .

כ׳וויל נישט מאַכען דאָ קיין קלאָגע,
פרעגען נור אַן אַלטע פראַגע,
ווארום האָט דאָס איינער גאָר,
און דער צווייטער ניט אַ האָר ? . . .

כ׳גלויב ניט, גאָט, דאָס איז דיין ווילען,
אַז דאָס איז דיין גאַנצער ציעלען,
מענשען זאָלען ניט זיין גלייך,
איינער אָרים, איינער רייך . . .

דען ביי דיר איז זעלבסט פערשריבען,
איינער זאָל דעם צווייטען ליעבען,
רייך און אָרים? בליק אַריין,
וועלכע ליעבע קען דאָ זיין ? . . .

אַלזאָ קום איך זעלבסט צום גלויבען,
ניט דו גיבסט זיי, נור זיי רויבען.
געהען זיי דאָך געגען דיר?
וואָס־זשע שווייגסט דו זיי דאָפיר ? . . .

ווידער איז קיין זאַך זייער אייגענס.
אַלעס גאָט איז דיין פאַרמעגענס,
קומט דאָך אויס, פערצייהע מיר,
דאָס זיי רויבען, גאָט, ביי דיר ? . . .

אונד דו זאָלסט זיי דאָס ערלויבען
גאָט! דיין אייגענטהום בערויבען,
וויזט דאָך אויס, מען מעג אַזוי . . .
וואָס זשע שרייבט די תורה „לא״ ? . . .

נור וואָס העלפט מיר דאָ דאָס פרעגען,
ווער קען וויססען גאָטעס וועגען,
גאָט ער פיהרט זיין וועלטעל גוט,
פרעגט איהם קיינער וואָס ער טהוט ! . .

# איך האָב ניט קיין צייט

איך וואָלט מיך געווידמעט לטובת הכלל
נור איך האָב ניט קיין צייט, קיין צייט,
צדקה געטהיילט וואָלט איך אויך איבעראַל,
נור איך האָב ניט קיין צייט, קיין צייט.
איך וואָלט נאָך געלערנט גמרה מיט פשט
פון חומש וואָלט איך אויך הנאה געהאַט,
אין שוהל געהן אַ ביסל וואָלט אויך ניט געשאַדט,
נור איך האָב ניט קיין צייט, קיין צייט.

אַיין אַרבייטער פיהרער געווען וואָלט איך אויך,
נור איך האָב ניט קיין צייט, קיין צייט,
סטרייקס וואָלט איך אָנגעמאַכט, געהן זאָל אַ רויך,
נור איך האָב ניט קיין צייט, קיין צייט.
אין חברות אַ מאַכער זיין וואָלט איך, יו בעט,
פיר ציון וואָלט איך אויך געגעבען אַ רעדט,
אויך די סאָציאַליסטען וואָלט איך שטאַרק געגלעט,
נור איך האָב ניט קיין צייט, קיין צייט.

אין פּאָליטיקס וואָלט איך אַריין מיט אַ פּוס,
נור איך האָב ניט קיין צייט, קיין צייט.
אַיין אָלדערמאַן וואָלט איך געוואָרען געוויס,
נור איך האָב ניט קיין צייט, קיין צייט.
ביי דער קהל׳שער שיסעל, וואָס קלעהרט און טראַכט?
געזעסען וואָלט איך שוין ביי טאָג און ביי נאַכט,
איך וואָלט שוין — זייט זיכער — אַ טאָלק געמאַכט,
נור איך האָב ניט קיין צייט, קיין צייט.

וועגען אידישע בתולות, וואָלט איך שטאַרק געטראַכט,
נור איך האָב ניט קיין צייט, קיין צייט.
פערזעסענע מיידלאַך פּאַר ווייבלאַך געמאַכט,
נור איך האָב ניט קיין צייט, קיין צייט.
מיין אייגענע פלויניתטע וואָלט איך געגט,
אַ שידוך אַ פרישען וואָלט איך מיר גערעדט,
און וואָלט נאָך צום יאָהר צוגעשטעלט אַ דועט...
נור איך האָב ניט קיין צייט, קיין צייט.

# נאַציאָנאַלע לידער

## און

# טראַדיציאָנעלע מאָטיוון

# איך בין א איד

איך בין אַ איד, איך בין אַ איד,
פיר ציון לאָזט מיך זינגען!
יאָ, זינגען און ניט ווערען מיעד,
אַ הייס בעגייסטערט ציון־ליעד,
עס זאָל דיא וועלט פערקלינגען!
מעגען טויזענד אַנדערע פונקען
אין מיין בוזים גליהען,
איך בין אַ איד, אַ איד בין איך,
דעם וועלט־שמערץ לאָז איך הינטער זיך
ווען איך דערמאָן מיין פאָטערלאַנד,
ווען איך דערמאָן אָן ציון.

וויא טיעף מיך ריהרט דער וועלט׳ס געשרעה
און וויקעלט מיך אין שמערצען,
דאָך, דעם אידען׳ס לאַגע — וועה! —
ליגט נעהנטער מיר אַם הערצען.
איך זינג פיר פרייהייט, זינג פיר פריעד,
און דאָך איך בין און בלייב אַ איד,
און מיין שעהנסטע בעסטע ליעד
וויל איך ווידמען, וויל איך מיהען,
פיר מיין פאָטערלאַנד, פיר ציון.

אַ ציון! ווארף אַראָפּ דיין טרויער,
זאָל דיין וועה פערשטומען;
באַלד קומען פריידען אין דיין מויער,
דיינע ליעבע קומען!
מעג דער גאַנג זיין דאָפּעלט שווערליך
מעג דער וועג זיין ווי געפערליך,
מעג אַ וועלט מיט געגנער ברומען.
זיי קומען דאָך! זיי קומען!

# דאָרט איז מיין פאטערלאנד

אונגליק, שרעק און מורא'ס,
פערפאַלגונג, לייד און שאַנד,
אַן אָרט פון האַס און גזירות,
דאָרט איז מיין פאָטערלאַנד.
אַן אָרט וואו בלוט און טרערען,
מאַכט דאָרט פייכט דיא ערד,
און גרויזאַם לאָזט זיך הערען,
דער קלאַנג פון שאַרפען שווערד.
וואו פרייהייט ליעגט געטרעטען,
אין אַ יאָמערטהאַל,
און קעטען, שווערע קעטען,
הילכען איעבראַלל.
אַן אָרט פון האַס און צאָרען
פון אונגליק, לייד און שאַנד,
דאָרט בין איך געבאָרען,
דאָרט איז מיין פאָטערלאַנד!

עס קלאָגען דאָרט די היממלען,
עס שטורעמט מיט געוויין,
דיא וואָלקען, רוישען, טימלען,
גלייך וויא זיי פאַרשטיין:
דעם שמערץ פאָן קליינע קינדער,
דעם קרעכץ פאָן אַלטע לייט,
וואו יעדער פיהלט באַזינדער,
וואָס הונגער, נויט, בעדייט.
דער ווייטאָג ווערט אַלץ גרעססער,
מען שרייט פון שמערץ: וואָרום ? . . .
נור פולווער, קעטען, שלעססער,

מאַכט אַלץ שטיל און שטום . . .

וואו הערשאַפט, האַס און צאָרען,

ברענען פייער בראַנד,

אַך! דאָרט בין איך געבאָרען

דאָרט איז מיין פאָטערלאַנד ! . . .

עס הילכען די פּאָגראָממען,

עס פליסט אונשולדיג בלוט,

אין בלוט, אין רויטע שטראָממען,

שווענקט דער צאַר זיין קנוט!

מען שרייט „ראָט אויס די זינדער",

דער איד קומט איממער פריער,

„עלטערען פאָן קינדער,

פערשליידערט אין סיביר ! "

געיאָגט פון די דעספּאָטען,

צום גרענעץ לויפט מען שנעלל,

און דאָרט ווערט מען צוטראָטען,

ערשאָסען אויף דער שטעלל!

וואו ווילדער האַס און צאָרען,

געהט אויף געפּאָרט באַנאַנד,

אַך! דאָרט בין איך געבאָרען,

דאָרט איז מיין פאָטערלאַנד ! . . .

# בײַ די טײַכן פֿון בבל

על נהרות בבל. (תהלים קל״ז)

1.

בײַ די טײַכען פֿון בבל, אָ דאָרט זײַנען מיר,
געזעסען דיא קעפּ אָנגעלײַנט,
דערמאָנט זיך אָן ציון, געדײַנקט װעגען איהר,
און האָבען מיט טרעהרען געװײַנט,
דאָרט האָבען מיר אונזערע פֿידלען מיט װעה,
אַװעק געלײַגט גאָר אָן אַ זײַט,
אום מעהר ניט צו שפּיעלען אין גלות אויף זײ,
דיא ליעדער פֿון פֿאָריגער צײַט!

2.

דאָרט האָבען בעפֿוילען די גרויזאַמע פֿײַנד,
אונז מאַכענדיג הילפֿלאָז און מיעד,
מיר זאָללען זײ זינגען װיא דאַמאָלס זאָ הײַנט,
פֿון ציון דאָס הײליגע ליעד.
װיא קענט איהר פֿערלאַנגען פֿון אונז אַזאַ זאַך?
מיר שטאַרבען שוין ליעבער פֿון שװערד!
אײדער דערמאָהנען ציון׳ס הײליגע שפּראַך,
אויף פֿרעמדע, ניט אײגענע ערד!

3.

אָ, ציון! זאָל װעהטאָג פֿיעל, קומען אויף מיר,
זאָל איך װערען פֿערגעסען אַלײן,
אויב איך װעל ניט אײביג געדײנקען אָן דיר,
און שטרעבען דיך װיעדער צו זעהן.
עס מעג מיר אין גלות זײַן גוט װי דיא װעלט,
איך מעג אויך דאָרט טרוימען פֿון גליק,
דאָך װעל איך אײביג דערמאָהנען דײַן געצעלט,
און בענקען נאָך ציון צוריק.

# יהודה המכבי

ער טרעט מיט נצחון, דער העלד פון דער פרייהייט,
דער פריינד פאָן זיין פאָלק, זיין נאַציאָן,
עס גלענצט אויף זיין ברוסט יענער פאַנצער פאָן ראַכע,
וואָס שוואַכט אָפּ די שטאַרקע, און מאַכט שטאַרק די שוואַכע
וואָס מוטיגט די קריעגער צו קעמפען מיט טרייהייט,
צו קעמפען און ווירקען, און טהאָן!
ער טרעט מיט נצחון המכבי דער גבור
דאָס פאָטערלאַנד רופט איהם אין קריעג,
דעם שונ׳ס מפלה וואָס גיכער צו מעלדען,
עס טרעטען בעגייסטערט די מוטהיגע העלדען,
פיר פרייהייט צו קעמפפען, וואָס קען נאָך זיין ליעבער?
עס קוועלט שוין אין הארצען דער זיעג!

זיין אומה צו דיענען, האָט לאַנג שוין געשוואָרען
המכבי, איצט מוז ער זיך נעהמען,
פרייהייט! אָ זיא האָט דעם העלד דאָך געבאָרען.
ער וועט איהר געוויס ניט פאַרשעהמען!
ער קומט דער פיינד! ער קומט דער פיינד!
אָ הער! אָ הער! איהר בראָווע פריינד
עס רופט אייך אייער פרייהייטס העלד,
דער העלד דער מאַקאַבייער
עס קלינגען שווערדן, קלינגען לויט,
עס הערשט אַצינד דער שוואַרצער טויט,
עס פאַרבט זיך בלוטיג רויט דאָס פעלד
עס קעמפפען די העברייער!

**
*

דער פיינד איז שטאַרק, דער פיינד איז גרויס!
דאָך ער דער העלד, ער שפּאַנט פאָראויס!
עס הילכט נאָך אימער זיין סעגנאַל,
„מיט מיר איהר בראָווע קריעגער“.

עס שטירצט דער פיינד, עס זינקט זיין מאַכט,
עס קעמפפט אַ העלד מיט איהם אין שלאַכט,
און ענדליך הילכט אַפ איבעראַל,
„המכבי איז דער זיעגער!"

**
*

עס געהט דאָס פאָלק פון שלאַכט צוריק,
עס שטראַהלט פאַן יעדען פרייד און גליק,
געפאַלען איז דער פיינד אין קריעג,
דער זינגער גרייפט די לירע!
עס קומט דאָס פאָלק פאַן ברייט און ווייט,
דער טעמפעל ווערט אויפ'ס ניי בענייט,
עס פרייט זיך יעדער מיט'ן זיעג,
ער זינגט דיא פרייהייטס שירה.

# פורים

עס איז אַן אַלטע געשיכטע
דאָך בלייבט זיא אימער ניי.

פורים, וואס לאָזט מיך דערצעהלען דער טאָג?
ס'איז פלוצלינג געקומען אויף אידען אַ פלאָג,
אַ שרעקליכע גזרה, אַ יאָמער, אַ קלאָג:
צום טוידט איז פער'משפט ישראליק —
אַ פינסטערע גזרה, אוי גרויס איז דער צער,
דאָס קען נור ערלויבען אַ טפש אַ נאַר,
און שאַפען קען נור אַזאַ שרעקליכען גזר —
אַ המן, — אַ גליעד פון עמלק!
עס פרעהט זיך דער שונא, ישראל'יק פערביי
אַן אַלטע געשיכטע — דאָך אימער־צו ניי . . .

עס ציטערט דער איד פאַר דער גרויזאַמער שטראָף,
אָט קומט באַלד דער אָנהויב, פון שרעקליכען סוף,
אַך! ווער וועט בעשיטצען די עלענדע שאָף?
ביי מרדכי'ן געפינט זיך איין אסתר!
דער קעניג פערליעבט זיך. דער קעניג געהט אויס,
און ענדליך, אַ הימעל, דער חסד איז גרויס,
זיא רעטעט איהר אומה פון צרות אַרויס
קיין וואונדער—איין אידישע שוועסטער!
די גזרה ווערט בטל, ישראליק איז פריי,
אַן אַלטע געשיכטע — דאָך אימער־צו ניי!

אין יעטוועדען לאַנד, און אין יעטוועדער צייט,
האָט שונאים—דער איד—פיעל געהאַט ביי דער זייט,
מיט אייביגע שונאים אַן אייביגער שטרייט,
אַ שטרייט, יאַ כמעט פון געבאָרען;—
אָט שטעהט אויף אַ המן און נעהמט זיך צו איהם,
ישראליק דערפיהלט עס און גיט זיך אַ קרים,
און באַלד טאַקע הערט זיך שוין ווידער זיין שטים;
,,ניש־קשה כ'בין נאָך ניט פאַרלאָרען!"
לחיים, רבותי! מיר זיינען שוין פריי!
אַן אַלטע געשיכטע—דאָך אימער־צו ניי!

# א שבועות געזאנג

גוט יום־טוב, רבותי, לחיים צום לעבען,
היינט האָט מען אונז אידען אַ תורה געגעבען,
אַ תורה, מען דאַרף זיך אויף איהר ניט בעקלאָגען,
ס'איז דאָ וואָס צו זינגען, ס'איז דאָ וואָס צו זאָגען,
אַ תורה מיר זאָללען געזונטערהייט ניטצען.
ס'איז דאָ וואָס צו לערנען, ס'איז דאָ וואָס צו שוויטצען,
אַ תורה, איך זאָג אַייך, אַ גאָלדענע תורה,
מיר דאַרפען נור דאַנקען און לויבען דעם בורא,
וואָס האָט אונז דיא אומה, די שטאַרקע, די שעהנע,
געגעבען אַ תורה, און טאַקע נור איינע . . .

אַט וואַנדערט דאָס אידעל, און טראָגט דאָס תנח׳ל,
אַיי זאָגט נור ר׳ קרוב, געפעלט אַיך דאָס מאכל?
אַנו גיט אַ בלעטער, וואָס שטעהט דאָרט געשריעבען?
„איינער דעם צווייטען זאָל בריעדערליך ליעבען,
ניט רויבען, ניט מאָרדען,״ איאַ דאַכט זיך גאָרניט?
דאָך וואו נאָר אַ קעהר, איז מען טאָר ניט, מען טאָר ניט!
געציילטע צעהן ווערטער און זעהט פיעל חומשים,
דיא הייליגע תורה, וואָס דאַרפט איהר דאָ מעהרער?
זיא ווערט „קיין עין־הרע״, מיט יעדען טאָג שווערער . . .

ניש־קשה, מיט אונז האָט דער בורא געטראָפען,
ניטאָ וואָס צוריידען, ער זעהט דאָס גאַנץ אָפפען,
מיר האָבען איהם איינמאָל געשוואָרען צו האַלטען,
נו, מעגען אונז שונאים, די קעפּ אויך צושפּאַלטען.
מיר האַלטען זיא הייליג, מיר היטען זיא טייער,
פאַר איהר אויך ניט איינמאָל געשפּרונגען אין פייער,
נו, וואָלט ער דאָס אויסגעפיהרט אויך בייא איין אַנדערען?
אַ פאָלק זאָל דאַדורך אַזוי ליידען און וואַנדערען,
פון לענדער צו לענדער געיאָגט און געטריעבען?
ביי אַנדערע, וואָלט לאַנג שוין קיין זכר געבליבען! . . .

נו, לחיים רבותי! לחיים, לחיים,
מיר ווען דאַנקען און לויבען בורא שמים,
וואָס האָט אונז אַליין די מתנה געגעבען,
אָהן איהר וואָלטען מיר ניט געוואוסט אַז מיר לעבען,
געבליבען בעהאַלטען וואָלט אונזער עקשנות,
דיא טייערע מעלות פון יושר רחמנות,
דיא וועלט וועגען אונז וואָלט אַזוי פיעל ניט טענהן,
מען וואָלט גאָר ניט וויסען זאָגאָר ווער מיר זיינען,
דיא תורה נור, האָט אונז דערהויבען, זייט מונטער,
און איהר קומט דער דאַנק, וואָס מיר געהען ניט אונטער!

# עבדים היינו

מיר זיינען דאָך עפּעס אַיין אויסערוועהלט פאָלק,
מיר מוזען דאָך זעהן עפּעס מאַכען אַ טאָלק,
וויא לאַנג וועט דאָס בלוט אין אונז זיעדען?

אַ שפּאַס ווער מיר זיינען! און וועמען סריהרט אָן!
אַ שפּילכל דיא אבות! די גאָלדענע פאָהן!
אַ קלייניגקייט עפּעס — מ י ר  א י ד ע ן!...

וואָס גאָט האָט דעם טאַטען געגעבען דאָס וואָרט,
אַז ברייגנען דיא קינדער וועט ער אין אַן אָרט —
וואו מילך מיט האָניג וועט רינען. —

דאָס ווייזט אַז מיר זיינען צו אַללעם ניט גלייך.
טאָ זאָגט מיר, איך בעט אַייך, וואָס איז דאָס מיט אַייך?
ווי קומען  מ י ר  א י ד ע ן  צו דיענען?

עבדים לפרעה! — וואָס? מיר זיינען קנעכט?
אַ שעהן שטיקעל יושר, אַ היבש ביסעל רעכט!
עס דאַרף דאָך דער הימעל זיך שפּאַלטען!

מיר אידען, — מיר האָבען קיין לאַנד און קיין היים,
מיר אַלטע מיוחסים — מיר קנעטען גאָר ליים,
וויא פּאַסט דאָס אברהם׳לען דעם אַלטען?!

און ווער וואָלט דאָס איצטער אַ קינד זיינס דערקענט?
— פערקאַלעכט דאָס פנים, פערליימיגט דיא הענד,
ויקם!... אַ מלך אַ נייער! —

יעקב׳ס גבורים אין קייטען געשמידט,
יוסף׳ס פערוואַנדטע — ער קען זיי גאָר ניט
סטייטש, וואָס איז דאָס פאַר אַ פּייער?!

---

מיר אידען, מיר זיינען אַיין אויסערוועהלט פאָלק,
טאָ לאָמיר־זשע זעהען עפּעס מאַכען אַ טאָלק,
נתחכמה! — קומט האַלטען אַן עצה,

נו מאַכט ניט קיין שהיות, דיא פאָלעס הויבט זיך,
נעהמט אידעלאַך, גיכער, דיא קלומקעס אויף זיך,
און קומט! לאָמיר מאַכען ו י צ א ! . . .

**
*

יאָהרען פיעל הונדערטער זיינען אַוועק,
מיר פייערען פסח פון עק וועלט ביז עק,
מיר טראַשטשען דיא מצות דיא דאַרע.

מיר עסען, מיר טרינקען, כמנהג, כדין,
מיר לאָזען זיך וואהלגעהן, דאַך ליגט אונז אין זין
אַז — „עבדים היינו לפרעה"!...

# ברוך שפינאזא

שפינאָזאַ! ווער איז דאָס געווען דער שפינאָזאַ?
איין אידישער דיינקער? וויא זאָלל איך פערשטעהן?
אָה זאָגט נאָר רב' קרוב, ווי האָט איהר אַ העזה
צו זאָגען אַז אידען זיינען דיינקער געווען?...

אַ שאַנדע! יאָ כ'לעבען מיר מעגען זיך שעהמען,
עס איז דאָך ניט איבערצוטראָגען דעם שמערץ,
מיין פאָלק וויל שטאָלצירען און וויס ניט מיט ווען,
נו זאָגט מיר וויא זאָלל ניט צושפּרינגען מיין הערץ?

אַ ווער האָט דיא הייליגע וואַרהייט געפּריידיגט,
דיא וויסענשאַפט אונזערע, רייכער געמאַכט!
און איז נאָך געוואָרען געשימפּפט און בעליידיגט,
פון אייגענע ברידער געשמוצט און פעראַכט.

אַ ווער האָט געטראָגען דאָס ליכט פאָן דער לעהרע,
פון וויסען און דיינקען, פון אָנהויב ביז סוף,
און דאַרף אונז פערשאַפען פיעל רוהם און
— פיעל עהרע?
ס'איז ברוך שפינאָזאַ, מיין פאָלקס פהילאָזאָף!

בעריהמט איז אַ שעקספּיר, ווער ס'האָט נור געלעזען
סאָקראַטוס, און נאָך פיעל אַזעלכע וויא ער,
ביי אידען שפּינאָזאַ, נו, אויך מיר אַ ווּעזען!
איין אידישער דיינקער? ווער ווייס איהם דען ווער?...

מען ריהמט זיי דיא קענער, און די פילאָזאָפען
ביי אַנדערע פעלקער, מען ווערט גאָר ניט מיעד,
ביי אידען אַ דיינקער מעג רוהיג זיך שלאָפען:
דען זעלטען ווען, זעלטען, דערמאָנט איהם אַ איד!...

# ירושלים

איך ליג אויף דעם געלעגער און מיר שטעלט זיך פאָר אַ טרוים,
איך זעה דאָס אַלטע ציון ביי, און אַך! מיר גלויבט זיך קוים,
איך הער אַ גייסטרייך מלאכים כאָהר, מיין הערץ ווערט פריי פון באַנג,
און הער, אין האַרמאָניען־רייך, אַ הייליג זיס געזאַנג:

כ אָ ה ר :

ירושלים! ירושלים! הויב אויף דיינע אויגען און בליק,
דיין אומה, אָ די פרומע, זי קעהרט זיך צו דיר צוריק.

.2

איך ליג און טרוים, דאָך זעה איך קלאָר, די אַלטע שטאָט ערוואַכט,
ס'קומט דער העלער מאָרגען, און פאַריאָגט די דונקעלע נאַכט,
אין ציון'ס אַלטע וועגען דאָרט, הערט זיך אַ שווערער גאַנג,
דאָרט קומט דאָס פאָלק ישראל, מיט אַ יובעל און געזאַנג:

כ אָ ה ר :

.3

דאָ ווערט דאָס בילד פאַרשוואונדען און אַ נייעס בילד קומט אָן,
איך זעה אויף ציון'ס מויערען וועהעט שטאָלץ די אַלטע פאָהן,
און אַרום דעם נייעם טעמפּעל, דאָרט, וואָס בלייבט אויף לעבען לאַנג,
דאָרט שטעהט דאָס פאָלק פערזאַמעלט און זינגט אַ לויב געזאַנג.

כ אָ ה ר :

# האַפנונג און טרייסט

.1

עס הערט זיך אַ טרייסטענדע שטימע דאָס ברייגגען דיא ווינטען צוטראָגען
געגנוג איך שוין קינדער צו וויינען, געגנוג אייך שוין קינדער צו קלאָגען
ניט אייביג וועט זיין אַזוי פינסטער, ניט אייביג וועט זיין אַזוי ביטער
דיא זאָנע געהט אויף דאָפּעלט שעהנער, און גראַד נאָך אַ בייזען געוויטער
עס קומט אַ ישועה אין גיכען, עס קומט אַ רפואה אין צייט,
צום זעקסטען מאָהל זעה איך פערזאַמעלט דיא קינדער צום קאָנגרעס
אין באַזעל
וויא עהרליך דאָס איז און ערהאַבען, אַ הימעל אויף מיר אַזאַ מזל
עס גריסט אייך, און בענשט אייך היינט, ציון דיא מוטער, פון ווייט!

.2

וויא היילים מוז זיין אייער שטרעבען, וואָס ברייגגט אייך
פון אַלע פיער ווינקלען
איהר זייט וויא די ליכטיגע שטערען ביי נאַכט, וועלכע שיינען און פינקלען
וויא היילים מוז זיין די אידעע, וואָס ברייגגט אייך דאָ אַלע צוזאַמען,
עס טרייבט אייך דער אידישער גלות וואָס ברענט אייך
ווי טויזענדער פלאַמען
עס טרייבט אייך דער דער אידישער עלענד, עס יאָגט אייך
דיא אידישע נויטה,
זייט מזכיר נשמות דיא מאַסען הרוגים פון רוסלאַנד׳ס פּאָגראָמען,
דערמאָהנט אייך אין אין וועג רומעניע וואָס רודפ׳ט דעם אידישען נאָמען
און זעהט אַז די הילפע זאָל קומען, און זעהט זיא זאָל קומען
אין צייט!

.3

און זייט איהר זאָגאַר, ווי פערצייטענס: אַ טאָהל מיט צוואוואָרפענע גליעדער
געזעהן האָט דער נביא נאָך דאַמאָלס און אויפגעלעבט האָבען זיי ווידער
און זייט איהר צעשפּרייט און צו גלידערט, אין אַלע פיער ווינקלען און עקען
דער יעצטיגער קאָנגרעס אין באַזעל, זאָל ענדליך דיא לעצטע ערוועקען
צום האָפּען און ווירקען און שטרעבען, און שטרעבען אוי ווירקען
און טהאָן,
פעראייניגטע וועט איר ערגרייכען, אַט דאָס וואָס איהר האָט לאַנג פערלאָרען
זיי קומען דיא גליקליכע טעג, אַ זיי קומען די גליקליכע יאָהרען,
אַ ווינט גיט אַ בלאָז אויף די ביינער, עס לעבט אויף
די אַלטע נאַציאָן ! . . .

# געלעגנהייט לידער

## געזאַנגען פון אונמיטלבאַרע אַיינדריקע

# ביי דער בייבים וויגעלע

מוזיק פאַן ג. מענדעלסאָן

ביי דער בייבים וויגעלע,
א מוטערל אַצינד,
זיצט און זינגט אַ ניגעלע,
שלאָף מיין גאָלדען ציגעלע,
שלאָף מיין טייער קינד.
שלאָף זאָ לאַנג דיין אייגעלע,
איז נאָך ניט אויסגעטרערט,
שלאָף געשמאַק מיין פייגעלע,
— יעצט איז יעדער רגע׳לע
מיליאָנען פאַר דיר ווערטה.

שפעטער וועט עס שווערליך זיין,
יסורים פון אַלצדינג,
וועלען וועסט דו עהרליך זיין,
און דערצו בעגערליך זיין,
אוי דאָס איז ניט גרינג.
ליעב איז דיר דיין צעלטוניו,
זא לאַנג דו ביסט נאָך בלינד,
און קענסט ניט אונזער וועלטוניו,
וואו מען פאַרקויפט פאַר געלטוניו,
אַ מאַן אַ ווייב, אַ קינד.

אין אַ וועלט וואו ראַבעווען,
מוז דער וואָס וויל זיין רייך,
דער וואָס קען נור האבעווען,
שווינדלען און בעראַבעווען,
דער לעבט פירסטען גלייך.

און דיענענדיג, פערדיענענדיג,
מיט מיה און עהרליכקייט,
בלייבט מען איממער דיענענדיג,
ביז מען פאַלט, געפינענדיג
אַ קבר פאַר דער צייט!

צייל די פיעלע שטערעלעך,
צום הימעל בליק אַרויף,
פיעל מעהר פליעסען טרעהרעלעך,
דריבנע דא, וויא פערעלעך,
אין אונזער לעבענס לויף.
ליב איז דיר דיין וויגעלע,
אונד אַיינגענעם דיין צעלט,
נו שלאָף מיין גאָלדען ציגעלע,
און טרוים ניט ביי דעם ניגעלע
פאן אונזער פאלשע וועלט!...

## די האָפענונג

שוועבענדיג, פליהענדיג,
וועבענדיג, ציהענדיג,
טרוימען פערשיעדענע
נאָהענט און ווייט,
קום איך אַן שטרעבענדיג,
טרייסט-ווערטער געבענדיג,
פיעל אונצופריעדענע,
אָרימע לייט!

הערצער פערביטערטע
נערוון ערשיטערטע,
גייסטיג-געבראָכענע
לינדער איך פריי!

טרוימען פערלאָרענע,
ווערען געבאָרענע,
האָפנונג צוקראָכענע
גרינד איך אויפ׳ס ניי!

מוהות צוטראָגענע,
כוחות דערשלאָגענע,
הערצער צוגאַנגענע
הייל איך פאָן פלאָג;
טרייסט דיא פער׳צרה׳טע,
קראַנקע, פערמאָרעטע,
שיק דיא געפאַנגענע
מוטה אין אסטראָג!...

מענער פערשלומערטע,
פרויען פערקוממערטע,
וועק איך — מוטה מאַכענדיג: —
„שטעהט אויף פאָן שלאָף!
האָף נור, מענש, האָפענדיג
ווער נאָר ניט אַפּהענדיג,
שלאָפענדיג, וואַכענדיג,
האָף נור מענש, האָף"!...

פליהענדיג, שוועבענדיג,
ציהענדיג, וועבענדיג,
טרוימען פערשיעדענע,
נאָהענט און וייט,
קוב איך, איינפליססענדיג
מוטה — און פערזיסענדיג,
פיעל אונצופרידענע
אָרימע לייט!..

# מיינע בילדער

איך בין אַ פאָטאָגראַפער,
דאָרט איז מיין גאַלערי,
איך מאָהל זעהר פיעלע בילדער
דאָך אַלע אויף איין סטריא.

קיין פיצל פאַרב אין פּנים,
נור בילדער קוילען שוואַרץ,
נור אָרעמע געזיכטער,
עס רייסט אַרויס דאָס האַרץ.

כ'וואָלט קעננען מאָהלען שענער,
ווען איך וואָלט נור געוואָלט,
דיא קונדען אָבער זאָגען :
אַז דאָס איז גוט געמאָהלט ! . . .

# די שיינע אָדעל

(פאראדי נאָך אַזרא)

טעגליך זיצט דיא שיינע אָדעל,
ביין געניי, נייט וויא אַ וויכער,
זיצט און וואַרפט געשווינד דיא נאָדעל,
אַרבייט פלייסיג, נייט וואָס גיכער,

טעגליך געהט פאַרביי איהר פענסטער
אַ יונגערמאַן אַ פיינער בחור,
ער געפעלט איהר אַלס דער שעהנסטער,
זכר !
טעגליך טרעפט ער איהר'ע בליקען, זיי ענטציקען !

איינמאָל אָפּגערעטערהייט, טרעפט זיא איהם אין אָוענד שפעט,
„אייער נאָמען וויל איך פרעגען
זייט איהר סינגעל? האָט איהר פאַרמעגען?"
און ער ענטפערט איהר : „איך אייס משה לייבעל,
האָב געלד גענוג אויף רענט און מעבעל
אויב דו ביסט דערמיט צופריעדען,
וועלען מיר שטעלען אַ חופה, וויא ביי אידען".

# דער יוניאָן מאַן

געזונגען מיט גרויס סוקסעס פון אַרטיסט

**יאַקאָב זילבערט**

איך מעג שטאָלצירען חאָטש איך האָב קיין געלט,
צייט יוניאָניזם האָט פערשפרייט דיא וועלט;
מיט יוניאָן שמעקט אַלְלעס וואָס איך פערמאָג,
אַ יוניאָן לייבעל אויף אַלְלעס וואָס איך טראָג.
איך טראָג אַ יוניאָן ראָק, אַ פּאָר יוניאָן שיך,
אַ יוניאָן העט, יוניאָן פלידערן אויף זיך,
אַ יוניאָן העמד און געוויס דערביי,
אַ יוניאָן קאָלְלער און אַ יוניאָן טאַיי,
קיין „סקעב גודס" ניט ווען זאָגאַר אַ בויטה,
איך עס יוניאָן פלייש, עס יוניאָן ברויט,
און רייד פיר יוניאָנס אויף איעדען שפּאַן,
הכלל איך בין אַ יוניאָן מאַן.

פון אַ „יוניאָן באָטען" איז אָפּגערעדט,
איך בעוואָהן זאָגאַר אַ יוניאָן פלעט,
מיין וועש ברייננגט מיר אַ יוניאָן מאַן גראָד,
און פרידזע מיך שטענדיג אין אַ יוניאָן באָד,
איך וואַש מיך שטענדיג מיט יוניאָן זייף,
נעהם אַ יוניאָן שיין, חאַפּ אַ יוניאָן שייוו,
סמוק אַ יוניאָן סיגאַר, טרינק אַ יוניאָן ביער,
יוניאָן אַקטיאָרען שפּיעלען פאַר מיר,
מיט אַ יוניאָן „איז קריעם" קוויק איך מיין הארץ,
און „פינאָקעל" שפּיעל איך מיט יוניאָן קאַרטס,
האָב יוניאָן פּאָרניטשור אַ יוניאָן פּאַרטעפּיאַן,
הכלל, איך בין אַ יוניאָן מאַן.

אַ יוניאָן צייטונג איז מיין צייט פֿאַרטרייב,
איך האָב אַפּילו אַ יוניאָן ווייב,
זיא רעדט פון יוניאָנ׳ס און האַלט פּיר זיי,
טרינקט יוניאָן קאַפע און יוניאָן טעה,
טראָגט אַ יוניאָן קאָרסעט, אַ יוניאָן העט
און שלאָפט אַללע נאַכט אין אַ יוניאָן בעט,
יוניאָן פּוידער איז איהר באַגעהר,
און ווייל ס׳איז יוניאָן וויל זיא מעהר,
יוניאָנמעסיג מעהרט זיך מיין געזינד,
אַ יוניאָן לייבעל אויף אַ יעדען קינד,
צו אַ יוניאָן מיטינג לויף איך מיט אַ פּעסטען שפּאַן
הכלל, איך בין אַ יוניאָן מאַן.

# דער געקריינקטער מאַן

אָ ליבע מיינע, ליעבע מיין,
הער מיר אויף צו קריינקען,
כ׳קען אָהן דיר אַ שעה ניט זיין,
ס׳ברעכט מיין הערץ, פון בייגקען.

האָסט געשוואָרען, האָסט מיך ליעב,
דאָך וויא זאָל מיך ניט קלעמען?
אַז זעלטען זיצט דו אַיין אין שטיעב,
שפּאַצירסט ווער ווייסט מיט ווּעמען?

מאַנכע האָבען צוויי און דריי,
איך, האָב דיך נור איינע,
בלייב זשע ליעבע, בלייב מיר טריי,
ליעב מיך, ליעב מיך שיינע!

עס דערציילען יונגע לייט,
דו שפּאַסט מיט יעדען איינעם,
זאָל דער שפּאַס ניט געהן צו ווייט —
פערקוק זיך ניט אויף קיינעם!...

געהסט גאַנץ אָפט שפּאַצירען אויס,
איך אַליין בלייב איבער,
כ'שפּרינג דאָך שיעור פון הויט אַרויס,
ס'וואַרפט מיך וויא אַ פיבער.

כ'קויף דיר אַלץ וואָס דיר איז ליעב,
מעגסט זיך ציערען, פוטצען,
איין זאַך נור, טוה מיר צוליעב,
אין שטוב נור זאָלסטו זיטצען!...

# קליינע לידער

## מיינע פריינד

כ'קלאָג ניט אויף מיין קלאָג, אַ נייך,
כ'בין ניט איינזאַם, ניט אַליין;
פריינדע האָב איך דרייא בייא מיר,
טינט און פעדער און פּאַפּיער.

איך רעד מיט זיי, און ניט פערשטעלט,
פאַן א נייע, פרייע וועלט,
און אַלע דרייא, ס'איז גאָט'ס געשאַנק,
זיי שטימען איין מיט מיין געדאַנק...

און וואָס איך זאָג, און וואָס איך רעד,
און וואָס איך גלוסט, און וואָס איך בעט,
און וואָס איך ווינש, און זאָג נור בלויז,
צופויקען זיי אין יעדעס הויז.

## דער ווינטער

דער ווינטער קומט, דער ווינטער קומט,
און טרייבט אַוועק דעם זוממער!
דער קאַלטער גזלן קומט און ברומט,
און אַללעס שטיללט, און אַללעס שטומט,
און זינקט אין טיפען שלוממער!...

דער ווינטער קומט, ער איז שוין דאָ!
אַ קעלט נעהמט דורך דיא גלידער!
נור אך! קיין זינגער איז ניטאָ,
זאָל גריסען איהם אין דיזער שעה,
מיט ווינטערדיגע ליעדער!

דער ווינטער שרייט, דער ווינטער רעדט,
דער ווינטער ברומט אין צאָרן!
„אַ שנעלער בריינגט מיר דעם פּאָעט!"
דיא ווינדען בריינגען אַ שטאָפּעט,
„דיא מוזע איז געפראָרען!"

# טעאַטער לידער

פּאַראָדיעס פון אידישע פאָלקס־לידער, פון פרעמדע
טעאַטער לידער און פון פּאָפּולערע ענגלישע
צייט־געזאַנגען.

# יעדען פרייטאג צו נאַכט

פּאַראָדיע נאָכ'ן ענגלישען ליעד
"ON A SATURDAY NIGHT".

ספּעציעל געשריעבען פיר
מ אַ ד אַ ם   ט אָ מ אַ ש ע װ ס ק י

1.

געענדיגט באַשאַפען דיא װעלט,
האָט גאָט אום פרייטאָג צו נאַכט,
אין זעקס טעג אַ װעלט אויף געשטעלט,
און האָט זיא פאָלקאָם געמאַכט,
דערפאַר איז אויך אימער דעם אידענס באַגעהר,
אַ גאַנצע װאָך אַרבייט ער ביטער און שװער,
דיא װאָך איז פאַראיבער, זיין רוה געפינט ער,
יעדען פרייטאָג צו נאַכט.

כ אָ ה ר :

יעדען פרייטאָג צו נאַכט, יעדען פרייטאָג צו נאַכט,
אַראָפּ אַלע זאָרגען, געזעצט זיך צום טיש,
און בינו לבינו, דאָס װייבעל אַ קיש,
יעדען פרייטאָג צו נאַכט, יעדען פרייטאָג צו נאַכט,
פיעל פרייד און פיעל לעבען,
װעט אונז אימער געבען,
דער אידישער פרייטאָג צו נאַכט.

2.

מיט זיין װייבעל פערברייגגט זיך דער מאַנן,
יעדען פרייטאָג צו נאַכט.
דאָס װאָהרע גליק פיהלט ער נור דאַן,
װען עס קומט פרייטאָג צו נאַכט,

דיא לאָקשען, דער צימער, שמעקט שבת׳דיג פיין,
אַז גאָט העלפט, געפינט זיך אויך, ראָזשענקע וויין,
און געהט מיט זיין ווייב אין טהעאַטער אַריין,
יעדען פרייטאָג צו נאַכט.

כ אָ ה ר:

יעדען פרייטאָג צו נאַכט, יעדען פרייטאָג צו נאַכט,
דיא בענש־ליכט זיי שמעלצען, דאָס בעט איז געבעדט,
עס שמעקט איהם גאָר אַנדערש איהר קוש און איהר גלעט,
יעדען פרייטאָג צו נאַכט, יעדען פרייטאָג צו נאַכט,
פיעל פרייד און פיעל לעבען,
וועט אונז אימער געבען,
דער אידישער פרייטאָג צו נאַכט.

3.

צו זיין כלה קומט איינער צו געהן,
יעדען פרייטאָג צו נאַכט,
זיא נעהמט איהם אויף ליעבליך און שעהן,
יעדען פרייטאָג צו נאַכט,
זיא לאַדעט איהר חתן אין פראָנט־רום אַריין,
ער דרייט אַיין דעם לאָמפּ ס׳זאָל צו ליכטיג ניט זיין,
ער קושט זיא, ער האַלדזט זיא, ער שלינגט זיא באַלד איין,
יעדען פרייטאָג צו נאַכט,

כ אָ ה ר:

יעדען פרייטאָג צו נאַכט, יעדען פרייטאָג צו נאַכט,
ער שווערט, און זי האַלט אים ביין וואָרט, ס׳איז קיין שפּאַס,
און זאָגט איהר „גוט נאַכט״ ווען עס טאָגט שוין אין גאַס,
יעדען פרייטאָג צו נאַכט, יעדען פרייטאָג צו נאַכט,
פיעל פרייד און פיעל לעבען,
וועט אונז אימער געבען,
דער אידישער פרייטאָג צו נאַכט.

# שטעה אויף מיין מאַן

(פּאַראָדי נאָך גאָלדפאַדענס ליעד „שטעה אויף מיין פאָלק")

שטעה אויף מיין מאַן טוה אָן דיא תחתונים
און געה דאָך שוין זוכען אַ דזשאַב,
עס אַרבייט שוין לאַנג קלמן, איציק און גרונים
זייא נעכטיגען פשוט אין שאַפּ,
ביזט דאַכט זיך דער זעלבער אפּרייטער וויא יענע,
פאַר וואָס לייד איך הונגער און נויטה?
בין זשעדנע אָן „עפּעל, אַ פּלאָם, אַ בענענע"
דאַנק גאָט אַז איך האָב פּיסנע ברויט,
איך וועל דיר נאָך אָנזאָגען אַ שעהנערע בשורה,
גרויס איז אוואַדע מיין קלאָג,
כ'האָב „נאָטיס" געקריגען צו מופען פון דירה
שטעה אויף מיין מאַן, עס איז טאָג!

הער וויא עס רוישען שוין לאַנג דיא מאַשינען,
ס'איז ביזי מען אַרבייט גאַנץ פעסט,
און דוא קענסט — שלים מזל — קיין דזשאַב ניט געפינען,
וואָס מיינסט דוא מיר זיצען אויף קעסט?
איך וואָלט מיך פיעל ליעבער שוין לאָזען בעגראָבען,
איידער באָרגען אין גראָסערי־סטאָר,
דער „לענדלאָרד" קומט טעגליך זיין רענט וויל ער האָבען,
דער בוטשער דערגעהט מיר דיא יאָהר,
אַליין בין איך נאַקעט, אוי גרויסע יסורים
און דאָ גיט באַלד פּסח אַ יאָג,
און איך האָב נאָך אָסור אַ האָאר ניט אויף פּורים,
שטעה אויף מיין מאַן, עס איז טאָג!

דיא אַרומיגע שכנים זייני אויך ניט רייך, ווייס איך,
דאָך גיב אויף ציקאַוועס אַ פרעג,
געוויס האָבען זייא שוין געשטעלט ווין אויף פּסח,
און מצות באַשטעלט מען דיא טעג.

חאָטש גאָט איז אַ פּאָטער, דאָך ווייס איך נאָך אַלץ ניט,
פון וואַנען דער פּסח וועט זיין?
איך האָב ניט קיין אייער, איך האָב אויך קיין שמאַלץ ניט,
קיין סימן פון מצה אונד וויין,
דאָך אַרט דיך גאַנץ ווענינ מיין שרייען און זאָגען,
מיט דיר איז איין אייביגע פּלאָג,
עס האָט שוין דער זייגער לאַנג זיעבען געשלאָגען,
שטעה אויף מיין מאַן, עס איז טאָג.

מילא פון מיר איז שוין אָפּגערעדט, משה,
איך ווייס אַז דיך אַרט ניט פאַר מיר,
דוא וואָלסט מיך פערקויפט פיר אַ גיים פישע פיישע,
מוז איך ווערען פערפינסטערט ביי דיר
נור אַ צער־בעלי־חיים, די קינדער אָהן שיכלעך,
זיי געהען מיט באָרוויסע פיס,
דאָס בעט געוואַנט חושך, מע דאַרף נייע ציכלעך,
דאָס וועש, איז אַ ריס אויף אַ ריס,
און דוא שטעלסט מיר צו אַלע יאָהר אַ ניי ברית'ל,
פון יאָהר צו יאָהר זויג איך און טראָג.
עס האָט—דוכט מיר—לאַנג שוין געהערט זיך דער „וויסעל״
שטעה אויף מיין מאַן, עס איז טאָג!

נור מיין מאַן חלומ'ט אַ חלום אין דריממעל,
וואָס אַרט איהם דאָס וויַיב און דיא היים?
איהם דאַכט אַז ער האָט דאָ דיא „חברה״ צום רימעל
און מען שפּיעלט דאָ אַ וואַרעמע גיים.
אַוואַדע פערדריסט איהם דאָס נעכטיג פול הייזעל,
וואָס איהם האָט „געביט״ משה באַס,
ער קלעהרט ווען ער וואָלט דאַן געהאַט נאָך אַ טייזעל,
וואָלט ער איהם געריסען אַ פּאַס,
איהם ליגען געוויס דיא פיער „מיידלעך״ אין זינען
דערפאַר שריי איך טאָקע און זאָג:
גענוג שוין געחלומ'ט געה עפּעס פערדיענען,
שטעה אויף מיין מאַן, עס איז טאָג!

# איך וויל אַ מאַן

נאָכ'ן ענגלישען ליעד "I want that Man"

איך בין אַ מיידעל ניט קיין מיאוסע, בין אַ מיידעל ניט קיין נאַר,
און איך דיינק איך בין בערעכטיגט צו אַ גוטען מאַן דערפאַר,
איך וועל מיך פראַסט ניט שעהמען און אייך זאָגען קורץ און פעסט,
אַז אַ מויד וויל איך ניט בלייבען מעהר, און זיין אויף יענעמס קעסט,
יאָ, איך לייקען גאַר ניט אַז איך וויל אַ מאַן!
עס איז מיר פשוט נימאס פאַר'ן שאַפּ דאָס וויסטע אָרט,
און הערען גראָבע ווערטער פון דיא שניידער־יונגען דאָרט,
וועלכע שטעכען מיך וויא שפּילקעס און פערדולען מיר דעם קאָפּ,
אַז אַ מויד קען איך פערזיצען דוקא ביז אין גראָהען צאָפּ,
ווייל איך בין אין דיא יאָהרען און מוז זעהן פערכאַפּען פריהער,
אוי אידען האָט רחמנות און ערבאַרעמט זיך אויף מיר!
איך וויל אַ מאַן! אַ מויד אַליין איז גאַר קיין פּלאַן
אַ, אידען זעהט איך וויל אַ מאַן, כ'וויל מעהר קיין מויד ניט זיין.

אַ שפּאַס אַ מיידעלס גליקען, אַט איך מאַך אייך אַ באַלאַנץ,
צום ביישפּיעל עס פערגלוסט זיך מיר צו טהאָן אַמאָל אַ טאַנץ,
מוז איך וואַרטען ביז אַ בחור וועט בעמערקען מיך אַ מאָהל,
דאַמאָלס ערשט אויב איך געפעהל איהם, לאַדעט ער מיך צו אַ באַלל,
ווייל עס פּאַסט ניט אַז אַ מיידעל געהט אַליין,
און דער בחור וואָס טראַקטירט מיך, מיינט ער האָט אויף מיר אַ רעכט,
ער וויל מיך האַלדזען, קושען, און ער שווערט ער מיינט ניט שלעכט,
נור איך וויים, ער מיינט קיין חתונה, ער מיינט אַ בלויזען שפּאַס,
און איהם אַרט ניט וואָס איך וועל מיך שעהמען ווייזען אויפ'ן גאַס,
דאַרום ווען ער וויל מיך קושען, חאָטש איך וויל, דאָך שריי איך „ניין",
פיעל וואָלט איך דאַן געגעבען ווען עס וואָלט מיין מאַן געוועהן?
איך וויל אַ מאַן! אַ מויד אַליין איז גאַר קיין פּלאַן
אַ, אידען זעהט איך וויל אַ מאַן, כ'וויל מעהר קיין מויד ניט זיין.

III.

איך שטעל מיר פאַר אַ פרייטאָג ווען פאַרהייראַטה בין איך דאַן,
איך מאַך אַ פעטע וועטשערע געווים צוליב מיין מאַן,
און תיכף, נאָכ׳ן קידוש, נאָך בעפאָהר איך גיעב דיא פיש,
איז דאָס איינציגע, דאָס בעסטע, נאָר אַ זיסער ליעבער קיש,
אוי דאָס מוז דאָך טאַקע שמעקען זעהר גוט,
פונ׳ם קידוש גלעזעל נעהם איך דאַן אַ קאַפּיטשקע אין מויל,
מיינע באַקען ווערען פאַרביג, אויפ׳ן האַרצען ווערט מיר וואויל,
איך דאַרף מיך מעהר ניט שעהמען, האָב ניט מורא פאַר קיין רייד,
ווייל אין שופלאָד ליעגט מיין כתובה, אין שאַפע הייננגט מיין חופה קלייד.
איך זוך מעהר קיין בעקאַנטשאַפט, קוק אויף קיינעם ניט אַרויס,
איך מאַך מיר נאַכט בעצייטענס און איך שלאָף מיך גאַנץ גוט אויס,
איך וויל אַ מאַן! אַ מויד אַליין איז גאָר קיין פלאַן
אָ, אידען זעהט איך וויל אַ מאַן, כ׳וויל מעהר קיין מויד ניט זיין.

# ווייל זי פלעגט מאכען חנ׳דעלעך

מיט דער מעלאָדיע פון ענגלישען ליעד
Just because she makes them Gu-Gu Eyes.

געזונגען פון דער בעריהמטער סוברעטין
מ י ס ס   א י ו ו אַ   ק אַ ט ץ

אַ יונג פאָר פאָלק, וואָס האָט געשיינט פון ליעבע שיעור פעררינקט!
האָט באַלד זיך נאָך דער חתונה צו ווערטעלט און צו קריעגט,
ווייל זיא האָט איהם געמאַכט צום נאַר,
אַ צייט איז ביי זיי אָנגעגאַנגען קריגערייי און רייד,
ביז ענדליך ס׳האָט געפיהרט דערצו, זיי האָבען זיך צושיידט.
ווייסט איהר וואַרום? יאָ, נור דערפאַר,
ווייל זיא פלעגט לייטען מאַכען חנ׳דעלעך,
זייא צייגען איהרע שעהנע צייגדעלעך,
ער האָט אַ צייט גערעדט,
דאָך ענדליך זיא געע׳גט,
ווייל זיא פלעגט לייטען מאַכען חנ׳דעלעך.

דאָס זעלביקע בעמערקט האָט אויך דער פעדלער לייבקע קוואַס,
אַז דאָס ווייב זיינס מיטען באָרדער טרייבט שוין צופיעל שפּאַס,
און נעהמט זיך באַלד צו דיעזער קריינק,
צום באָרדער ווענדעט ער זיך תיקף מיט אַ בייזען בליק:
אַרויס דו שייגעץ איינער, איך האָב פיינט די פוילע שטיק!
און אויך צום ווייב זאָגט ער: געדייגק!
ווען דו ווערסט מיר איינעם מאַכען חנ׳דעלעך,
וועל איך דיר צוברעכען דיינע ביינדעלעך,
נאָך איינמאָהל, און נו, נו,
כ׳וועל דיך מאכען ברוין און בלוה,
ווען דו ווערסט מיר איינעם מאַכען חנ׳דעלעך.

אַ זעכציג־יעהריג אַלטער מאַן, נעהמט זיך אַ יונגע פרוי,
אַז זיא וועט איהם ניט ליעבען, ווייס דער אַלטער גאַנץ גענוי,
דאָך נאַרט ער זיך און גלויבט איהר פאָרט,
ער עפענט אויף פאַר איהר די קאַסע, פרעגט ניט פיעל זיא וויל,
אַבוואָהל זיא נעהמט און גיט עס אָפּ אַ צווייטען אין דער שטיל,
דאָך הערט זיא אָפּט פון איהם דאָס וואָרט,
אוי מיר זאָל זיין פאַר דיינע חנ׳דעלעך,
דו צוואוואָרעמסט מיינע אַלטע ביינדעלעך,
וואָס קימערט מיך דיא וועלט,
אַ כפּרה גאָר דאָס געלד,
אוי מיר זאָל זיין פיר דיינע חנ׳דעלעך.

# מעהר צום בעדויערען וויא שולדיג

געזונגען פון דער בעריהמטער זענגערין

**מ אַ ד אַ ם פּ ע נ י ב ר אַ ו ן**

מיט דער מעלאָדיע פון ענגלישען ליעד

She is More to be Pitied, than Censured.

1

אין׳ם אַלטען קאָנצערט הויז אין דיא בויערי,
אײן אָבענד, דאָרט האָבען פערבראַכט,
אַ געזעלשאַפט פון פרעהליכע מעננער,
און האָבען זיך לוסטיג געמאַכט,
איבער איין אָרעם פערוואָרפענע מיידעל,
מיט ווערטער געשימפפט און געפּלאָגט,
ביז ענדליך אַ פרויא, איהר בעקענטע,
האָט זיך געווענדעט צו זייא און געזאָגט:

רעפריין

„זיא איז מעהר צום בעדויערען וויא שולדיג,
אַ ווער האָט איהרע עהרע געראויבט?
אַ, מענער, מיט וואָס איז זיא שולדיג,
ווען זיא האָט געליעבט און געגלויבט?
ציהט צוריק אייער שפּאָט און פעראַכטונג!
אַ ווילע זעהט, האָט נור געדולד,
בעטראַכט עס מיט רייגע בעטראַכטונג,
אַ מאַן, נור אַ מאַן האָט דיא שולד! . . .

2

פאַרשעהמט זיינען אַלע געבליעבען,
דער „ביטערער שפּאַס” איז פערביי,
עס האָבען זיך טרעהרען געוויזען,
ביי פיעלע וואָס וואָרען דערביי,
ס׳האָט דאָס מיידעל דערצעהלט איהר געשיכטע,
איין מאַן האָט זיא איינמאָל געטרויט,
און דאָס האָט איהר ליידער געטריעבען,
צו אייביגע שאַנדע און נויטה . . .

רעפריין

3

צום טויער פון אַלטען בית־עולם,
פון אייניגע מענשען בעגלייט,
דאָרט ציהט זיך אַ שטיללע לויה,
אַ קרבן פון שאַנדע אונד נויטה,
ס'איז דיא זעלבע וואָס דאַן אין דיא בויערי,
פעראַכטעט האָט יעדער נור פריהער,
דערמאָנט ווער אויך איצטער איהר שאַנדע?
ביין ! רעספעקט האָט איצט יעדער פאַר איהר.

רעפריין

# ווי זאָל איך ניט ליעבען מיין מאַן?

1.

אַז איך זאָל קיינמאָל ניט הייראַטהען, האָב איך בעקלעהרט,
ווייל די מענער זיינען בייז און שלעכט, האָב איך געהערט,
ביז אויף אַ באָל געטראָפען האָב איך דאָרט מיין גליק,
אַ מאַן, — איך זאָג אייך — איין אַנטיק,
און מיר האָבען אָפגעמאַכט דיא צערעמאָני גאַנץ שטיל,
געשטעלט אַ חופה, ווייל כ'האָב ניט פערלאַנגט צופיעל,
אַ טיש, אַ בעט, אַ שטיקעל קאַרפעט אויפ'ן פלאָאָר,
און — גאָט זיי דאַנק — אַ קינד צום יאָהר ! . . .
נו וויא זאָל איך ניט ליעבען מיין מאַנן?
וואָלט אַ צווייטער — זאָגט מיר — בעסער זיין?
ער האָט אין זיך, אַז אָסור מיר, אַ טראָפען גאָל, אַ קאַפּ,
דאָס צווייטע יאָהר פערהייראַט, האָב נאָך ניט געהאַפּט קיין קלאַפּ,
נו וויא זאָל איך ניט ליעבען מיין מאַנן?
און פיר איהם אויך אין פייער אַריין?
ווען ער איז אַזוי גוט צו מיר, וואָס בעסער קען ניט זיין,
איז אַ חידוש וואָס איך ליעב מיין מאַנן?

2.

היינט, ווער ווייס ניט, אַז אָפט הערט מען פון אַ פרוי אַ קרעכטץ,
ווייל דער מאַן, קען ניט פערליידען, פשוט, איהר געקעכטץ,
דערפון קומט גרויסע צרות, און איך מאַך אַ וועט,
אַז אָפטמאָל קומט עס צו אַ גט,
ווערענד מיינער קלייבט ניט איבער, וואָס איך קאָך איז גוט,
און וואָס איך דערלאַנג איהם, שלינגט ער גראָד מיט אַפעטיט,
געהט פאַר מיר אין בוטשער־שאַפּ, אין גראָסערי־סטאָר,
און סקראָבט מיר אויס אַמאָל די פלאָאָר!
נו וויא זאָל איך ניט ליעבען מיין מאַנן?
וואָלט אַ צווייטער — זאָגט מיר — בעסער זיין?
ווען איך בין ניט מיט אַלעמען, פערלאָזט ער ניט מיין בעט,
ברייננגט מיר וואָס צום קוויקען זיך, און גיט מיר נאָך אַ גלעט,
(ביס) — נו וויא זאָל איך ניט ליעבען . . .

3.

מאַנכע יונגע מענער האַלטען פון זייער פרוי ניט פיעל,
מיט אַ זייטיג מיידעל געבען זיי זיך אָפט אַ שפיעל,
און מיינער, ווען אַ מויד גיט איהם אַ ווינק, אַ ריהר,
קעהרט ער זיך גאָר אָפּ פון איהר,
נור איך איינע בין איהם ליעב, דאָס ווייס איך אַקוראַט,
ווייל ער שלינגט מיך מיט דיא אויגען, ווערט קיינמאָל ניט זאַט,
און ווען איך וואַרף איהם אויך אַמאָל אַ קוש אַריין,
מיינט ער, אַז דיא וועלט איז זיין!
נו וויא זאָל איך ניט ליעבען מיין מאַנן?
וואָלט אַ צווייטער — זאָגט מיר — בעסער זיין?
אַ טהעאַטער טיקעט ברייננגט ער מיר, אַבי איך וויל נור געהן,
איך געה און לאָז איהם איבער מיט'ן קינד, אין דר'היים אַליין.
(ביס) — נו וויא זאָל איך ניט ליעבען . . .

# שבת מאטינע

פּאַראָדיע נאָכ'ן ענגלישען ליעד

"On a Sunday afternoon."

I.

דער שבת קומט, עס קוועלט דער איד,
זינגט זיך זמירות שעהן,
ער שלינגט דיא פיש מיט אַפּעטיט,
מיט פעפער און מיט חריין,
דער קוגעל פריש, שטעהט אויפ'ן טיש.
דאָס ווייבעלע דאנקט גאָט,
זיא שטעלט איהם צופריעדען,
וויא ס'פיהרט זיך ביי אידען,
מיט אַלץ וואָס זיא האָט,

רעפריין

יעדען שבת מאַטינע, אַ זייגער האַלב נאָך צוויי,
אַ לעב טהאָן אַ ביסעל פּערפעהלט ער אויך ניט,
ער לויפט אין טהעאַטער פערכאַפּען אַ סיט,
יעדען שבת מאַטינע, געהט ער זעהן אַ נייע פּלעי,
און אַז גאָט העלפט צום רימעל,
כאַפּט ער דאָרט אַ דרימעל, אַ שבת מאַטינע.

II.

דער אַרבייטס־מאַנן, ער אַרבייט שווער
דיא גאַנצע וואָך אין שאָפּ,
דער שבת קומט, אַ מענש ווערט ער,
הויבט אויף שטאָלץ דעם קאָפּ,
מיט זיין פּאַרשוין, זיין ליובאַ קרוין,
געהט ער אויס אין גאַס.
ער נעהמט זיא אין אָרעם,
און דריקט זיא גאַנץ וואַרעם,
עס איז קיין שפּאַס,

רעפריין

יעדען שבת מאַטינע, אין פּאַרק שפּאַצירען זיי,
כאָטש דער הימעל ס׳פערוואָלקענט, עס דונערט, ס׳בליצט,
דאָך זיצט דאָס פּאָרל צוהיצט און פערשוויצט,
יעדען שבת מאַטינע, פון ליעבע ריידען זיי,
און אַז גאָט העלפט צום רימעל,
כאַפּט ער דאָרט אַ דרימעל, אַ שבת מאַטינע.

## III.

אַ שעהנע פרוי, פול יוגענד חן,
ווערט איין אַלמנה היינט.
אַ צייט פערביי, איהר קענט שוין זעהן,
קומט צו גאַסט אַ פריינד...
וויא אָפט ער קומט, איז ניט בעשטימט,
נור שבת קומט ער דאָך.
ער פליהט וויא מיט פליגעל,
פערזוכען איהר קוגעל,
פון וואָך צו וואָך.

רעפריין

יעדען שבת מאַטינע, לאַד זיא איין איהר פריינד צו טעע,
זיי טרינקען און ריידען, דאָך פעסט איז דיא טיהר,
זיא עפענט איהר הערץ פיר איהם און ער פיר איהר,
יעדען שבת מאַטינע, פון פריינדשאַפט ריידען זיי.
און אַז גאָט העלפט צום רימעל,
כאַפּט ער דאָרט אַ דרימעל, אַ שבת מאַטינע.

# מיין סחורה וואָלט טויגען, וואָלט איך געווען אַ מיליאָנער

מיט דער מעלאָדיע פון ענגלישען ליעד

If time was money, I'd be a Millionare.

ספעציעל געשריעבען פיר

מ אַ ד אַ ם   ט אָ מ אַ ש ע ו ו ס ק י

## I.

ספעציעל געשריבען פיר מאַדאַם טאָמאַשעווסקי

מיין לאַנדסמאַן איז אַהער געקומען, חאַפּען דאָ זיין גליק,
געבראַכט האָט ער אַ סטאַק מיט טעכטער, גאַנצע צוועלף שטיק.
געהערט האָט ער דערציילען דאָרט, דאָ ליגט פאַר איהם אַ שאַטץ,
דיא סחורה שטעהט דאָ שטאַרק אין פּרייז, מען קריגט קיין מויד
חאַטש פלאַטץ!
נור איינס האָט ער פערגעסען, דאָך איך ווינש איהם ניט קיין שלעכטס,
אַז פון אַלע זיינע טעכטער, גיבט קיין איינס קיין רעכטס.
ער האָט זיך נעבעך אויסגעבראַכט, געספּענד'ט וואָס ר'האָט פערמאָגט,
און ווען עס קומט צורייד דערפון, בעקלאָגט ער זיך און זאָגט:

רעפריין

„מיין סחורה וואָלט אָבער טויגען, וואָלט איך געווען אַ מיליאָנער,
כ'וואָלט עפּענען מיינע אויגען, וואָלט גליקליך געווען, איך שווער,
איך וואָלט ניט געוועזען קיין יאָלד, געהאַט וואָלט איך פעסער מיט גאָלד,
ווען מיין סחורה וואָלט נור טויגען, וואָלט איך געווען א מיליאָנער!"

## II.

איינער האָט אַ שעהנע פרוי, אַ זעלטענהייט, איין אַנטיק,
און וויל ער, אַ געשעפט פערשטעהט, זוכט ער דורך איהר זיין גליק.
ער עפענט אויף איין קאַפע־הויז, דאָס מעהרסטע פאַר יונגע לייט,
און עס קומען יונג און אַלט, פון נאָהענט און פון ווייט.
נור ליידער ליגט דאָס יונגע ווייבעל שטענדיג אין דער קיך,
זיא וויל קיין קאָסטימערס ניט קענען, טרייבט און יאָגט פון זיך,
דער מאַן, ער שפּרינגט אַרויס פון הויט און שרייט „איך בין געפלעפט!
אוי וועה איז מיר, האָב איך אַ ווייב, זיא טויג ניט צום געשעפט!"

רעפריין

III.

דער אַלטער תרח, ווייסט דאָך יעדער, איז אַ מיליאָנער,
און ווייל ער האָט קיין ווייב ניט, איז דיא דיענסט־מויד זיין באַגעהר,
דיא דיענסט־מויד אָבער ליעבט אַ בחור, ליעבט איהם הייס און פעסט,
דער בחור אָבער טראַכט זיך, — כ'לעבען ס'וואָלט געווען אַ פּלאַן,
ווען מיין באַשעהרטע הייראַטהען זאָל גראָד דעם אַלטען מאַן.
איך וואָלט צו זיי אַריין געמופּט, מיך וואָלט דאָס ניט געאַרט,
איך וואָלט געהאַט אַ ווייב מיט געלד, כ'וואָלט מיך שוין ניט גענאַרט . . .

רעפריין

# ווען דו ווארסט זעכצעהן יאָהר

פּאַראָדי נאָכ'ן ענגלישען ליעד

SWEET SIXTEEN

I.

ווען איך האָב דיך צום ערשטען מאָל דערזעהן,
האָט מיר דאָס האַרץ געזאָגט, איך בין פערליעבט,
דיין זיסער בליק, דיין פּנים וואונדער־שעהן,
האָט מיך צו דיר אויף אייביג צוגעקניפּט,
מעג מיין ליעבע צו דיר הייסען ליידענשאַפט,
איך וויל דערפון ניט וויסען, ווייל איך ליעב,
איך ליעב דיך מיט מיין גאַנצע זעעלען־קראַפט,
אָהן דיר איז מיר דאָס לעבען וויסט און טריעב!

רעפריין

איך ליעב דיך, אָ, מיין הערץ געהט אויס נאָך דיר,
יאָ, זייט כ'האָב דיך דערזעהן, אָ, לייד איך נאָר,
אָ, קום מיין ליעבע, קום איך וואַרט אויף דיר,
איך ליעב דיך נאָך זייט דאמאָלס ווען דו וואַרסט נאָר,
ווען דו ווארסט זעכצעהן יאָהר !

II.

איך געדיינק עס נאָך וויא הייגט, ווען איך האָב דיר
ענדעקט דעם סוד, איך בין אין דיר פאַרליעבט,
דאַן האָסט דוא מיר ענטזאַגט, — אָ, גלויב עס מיר —
דוא האָסט מיין הערץ פערוואונדעט און בעטריעבט,
געוואָלט האָב איך פערגעסען דיין געשטאַלט,
נור ליידער וואַר צו טיעף, צו גרויס מיין שמערץ,
כ׳וועל — גלויב מיר — ליעבער ווערען גראָה און אַלט,
בעזיצען וועט קיין אַנדערע ניע מיין הערץ !

רעפריין

# כ׳פיהל א בענקען אין מיין הערץ נאָך דיר!

I've a longing in my heart for you Louis'

געזונגען פון בעריהמטען שוישפיעלער און זענגער
ע ל י אָ ס   ר אָ ט ה ש ט י י ן.

I.

כ׳פיהל אַ בענקען אין מיין הערץ נאָך דיר לואיז׳,
אַ בענקען, וועלכעס מאַכט מיך פיהלען זעהר טריעב,
דיא וועלט וואָלט זיין פיר מיר, אַ שעהנער פאַראַדיעז,
ווען איך זאָל וויסען אז דו איינע האָסט מיך ליעב,
וואונדערבאַר, וויא מיך פערפאָלגט דיין זיסער מילדער בליק,
דיין ליעב געזיכט, אָ, גיט מיר גאָר קיין רוה,
נור דו איינע, ביסט מיין איינציג אירדיש גליק,
צו דיר נור ווידמע איך מיין פאַנטאַזי.

רעפריין

איך פיהל אַ בענקען אין מיין הערץ נאָך דיר לואיזי
פון ליעבע צו געהט מיין הערץ אין מיר,
דו ביסט דיא שעהנסטע בלום פונ׳ם רייכסטען פאַראַדיעז
איך פיהל אַ בענקען אין מיין הערץ נאָך דיר!

## II.

אָפּטמאָל אין מיין טרוים דערזעה איך דיין געשטאַלט,
אונ הער איך חלום דייטליך, דיינע ענגעל־טריט.
דיין געזיכט איז רייצענד, נור דיין בליק איז קאַלט,
אַ, זאָג, ערקלעהר מיר אָפען, ליעבסטו מיך צי ניט?
לאָז מיך טיעף אַריינבליקען אין דיין פערשלאָסען הערץ,
און זעהן ווי גרויס פערנעהמט מיין פּלאַץ ביי דיר,
דיין גלייכגילטיגקייט ברייגט מיר דיא גרעסטע שמערץ,
אַ, מעג איך האָפען ליעבסטע? ענטפער מיר!

רעפריין

# דער בעל טובה׳ניק

מיט דער מעלאָדי פון .Rip Van Winkle

געזונגען פון

מ אַ ד אַ ם   ט אָ מ אַ ש ע ו ו ס ק י

## I.

ר׳ צדוק איז אַ פיינער מאַן, האָט ליעב פיעל טובות טאָהן
וועה שמועסט פיר לאַנדסלייט, טוהט ער אימער אַלעס וואָס ער קאָן.
ניט לאַנג האָט ער, געבראַכט אַהער,
זיין ווייב׳ס אַ קרובה, שעהן און יונג, דערצו אַ מיידעל נאָך,
יעצט אַרבייט זי ביי איהם אין שאָפּ פיר זעכציק סענט אַ וואָך,
און שטענדיג בלייבט ער דער בעל טובה דאָך!

נו, וויא געפעהלט אייך דער בעל טובה׳ניק?
נו, וויא געפעהלט אייך אזאַ גליק?

רעפריין

אַ פיינער מאַן איז דאָך ר׳ צדוק,
אזאַ מזל אויף זיין ספּאָדאָק,
נו, וויא געפעהלט אייך דער בעל טובה׳ניק?
ענטפערט מיר דאַ גלייך,
ער האָט רחמנות אויף אַ קרובה,
אדרבה וויא געפעהלט ער אייך?

II.

דאָס מיידעל געהט אום קרועה בלועה, האָט קיין קלייד אויף זיך,
נור ר' צדוק איז אַ פיינער מאַן, קויפט איהר אַ קלייד מיט שיך,
און רעכענט איהר, דיא ווערטה פון פיער,
דאָס מיידעל אַרבייט טאָג און נאַכט, די ענדע לאָסט זיך אויס,
אַז ווען זיא מאַכט מיט איהם אַ חשבון, קומט נאָך איהם אַרויס,
און שטענדיג בלייבט דער חוב נאָך זעהר גרויס!

רעפריין

III.

דאָס מיידעל אַרבייט שווער און ביטער, ביז דער אַלטער גביר,
האָט אויף איהר רחמנות און דערבאַרעמט זיך אויף איהר...
עס פרעגען לייט, וואָס דאָס בעדייט,
דאָס מיידעל ווערט טאָג טעגליך בלאַסער, ליידעט זעהר פיעל,
נור ר' צדוק איז אַ פיינער מאַן, בעצאָהלט איהר דאָקטאָר ביל,
און אַלעס בלייבט דאָך איידעל, קלוג און שטיל . . .

רעפריין

# אַז גאָט וויל שיסט אַ בעזים

געזונגען פון דעם בעריהמטען קאָמיקער
א. פישקינד

I.

זאָגט מיר ר' סנדר איך האַלט דאָס נישט אויס,
ווי אַזוי איז דיא גנבה געשעהן?
איהר זייט, זאָגט איהר, אַלע פון שטוב נישט אַרויס,
קיין פרעמדער איז אויך נישט גיוועץ.
דאָס געלד איז געלעגען צוקאָפּענס אין בעט,
געזעסען איז דער רבי דאָרויף.
דער הייליקער צדיק זאָל טהון אַזאַ חטא?
דאָס פאַלט גאָר קיינעם נישט אויף,
צו פרום געווען, צי יאָ צי ניין,
ביים רבין קען אַלעס געשעהן.
פרעגט נישט קיין שאלות, טרעפען קען אַלעס.
אַז גאָט וויל שיסט אַ בעזים.

## II.

וואָס איז דאָס ר׳ טודרוס, איך קען ניט פאַרשטעהן,
וואָס קלערט איהר, וואָס טראַכט איהר אַצינד,
אַ יאָהר אַז איהר האָט אייער ווייב ניט געזעהן,
וויא קומט צו איהר פלוצים אַ קינד?
היינטיגע צייטען קען אַלעס געשעהן,
איהר דאַרפט אייך נישט וואונדערען זאָ.
אמת אַז זי איז אַ פרומע געוועזן,
זיא איז נישט מעהר וויא אַ זינדיגע פרוי.
צו פרום געוועזן, צי מיאוס, צי שעהן,
מיר האָבען שוין פיעל מאָל געזעהן,
זיא מעג זיין אַ צנועה, נאָר צוליב אַ רפואה
אַז גאָט וויל שיסט א בעזים.

## III.

וואָס זעה איך דאָרט רעדלאַך מיט אידעלאַך שטעהן,
וואָס איז, זאָגט מיר, דאָרט פאַר אַ שרעק?
חיה שרה׳ן איז פלוצים אַן אומגליק געשעהן,
איהר טאָכטער איז מיט איינעם אַוועק.
סטייטש וויא איז מעגליך אַזאַ כשר קינד,
געזעסן אין שטוב טאָג וויא נאַכט,
אויסער דעם לעהרער האָט זיא ביז אַצינד,
מיט קיינעם קיין וואָרט נישט פאַרבראַכט.
חיה שרה קרויך, עס איז אַפילו ניט שעהן,
פון דעסטוועגען הערט אויס מיין מיין:
זיא מעג אייער נחמה זיין אַ כשרע נשמה,
נאָר אז גאָט וויל, שיסט אַ בעזים.

# דיא מוזיק שפּיעלט

געזונגען פון דעם בעריהמטען קאָמיקער

א. פ י ש ק י נ ד

מיט דער מעלאָדי פון ענגלישען ליעד

Can you blame me for loving that man?

I.

שטאַרק באַשעפטיגט איז געגענדעל, פרייטיג אין דער קעך,
דער שבת שפּאַרט ביי איהר נאָך אַן צו ווייט,
אין מיטען פּלאַצט ביי איהר דיא טאַליע, נייט זיא שבת שטעך,
די נאָז אָפּווישען האָט זי אויך קיין צייט,
דאָס פליישׁ נאָך ניט געזאַלצן, דיא פיש נאָך ניט געפּילפּט,
די לאָקשען קאָכען זיך נאָך ערשט אין פאַן,
נור פלוצלונג שטעהענדיג ביין קוימען, הערט זיא מוזיק שפּיעלט,
אויף הפקר לאָזט זיא אַלעס איבער דאָן, אוי אוי אוי !
זיא חאַפּט נור דיא שקראַבעס,
אין שטוב ווערט שוואַרץ שבת,
ווען דיא מוזיק שפּיעלט,
עס קומען גנבים,
וואו קען אַזוי כלבים,
ווען דיא מוזיק שפּיעלט,
די קאַץ חאַפּט איהר חלק,
דאָס פלייש מיט'ן ביילק,
דאָס אַרט פאַן פיש פערקיהלט,
דאַ בלייבט פאַר דער בריאה
קיין זאַך אויף רפואה,
אונד דיא מוזיק שפּיעלט . . .

II.

אויף אַ האָכצייט לויפען, זעה איך מענשען הער און הין,
דער זאַל איז פול מיט געסטע אָנגעפילט,
מען שפּיעלט דעם חתן ווייגענדיגס, נור איהם ליגט זיינס אין זינן . . .
איהם ווילט זיך בעסער פריילעכ'ס יעצט געשפּיעלט,
דיא כלה זיצט אַנטקעגען, און וואַרפט איין אויג אויף איהם,
און טראַכט זיך „וויא דער לעב איך שוין דיא שעה"
זיי פאַלט צו לאַסט דער גאַנצער עולם וואָס ריגלען זיי אַרום
וואָס לאָזען חתן כלה ניט צורוה . . . אוי אוי !

עס טאַנצען מחותנים,
נור פּנים צו פּנים,
ווען די מוזיק שפּיעלט,
עס פּלעסקען בתמימות,
אי פעטערס אי מימעס,
ווען דיא מוזיק שפּיעלט.
נור פּלוצלונג פאַן אַלע,
פערשווינדט חתן כלה . . .
דער ליאַרעם ווערט געשטילט . . .
מען גיט נאַר אַ ברכה,
„זאָל זיין מיט הצלחה"
אונד דיא מוזיק שפּיעלט . . .

## III.

מיין שכנ'ס ווייבעל איז אַ צנועה, עהרליך טריי דעם מאַן,
דאַס דענקען אַלע שכנים און זיי פּרייט,
נור עפּעס שמייכעלט זיא צום באַרדער, וויכט ניט אויס זיין שפּאַן.
עס שיינט, ער האָט איהר שוין דעם קאָפּ פּאַרדרייט,
זיא געהט מיט איהם צום פּיקניק, דער מאַן ווערט אויפמערקזאַם
און ער בעשליסט זיך היינט זיי נאָך צו געהן,
געאַרעמט מיט'ן באָרדער דאַרט, שפּאַצירט אום דיא מאַדאַם,
צווישען הויכע בוימער גאַנץ אַליין . . . אוי אוי אוי !
ער קומט זיי אַנטקעגען
און טרעפט זיי פערלעגען . . .
ווען דיא מוזיק שפּיעלט.
דער באָרדער איז קיין שוטה,
ער מאַכט גלייך אַ פּליטה,
ווען דיא מוזיק שפּיעלט.
זיא חאַפּט אַ מפּלה,
עס ווערט אַ יללה,
ער טרעפט, גאַר גוט געציעלט,
און פאַן דער קאָמעדיע,
לאַסט זיך אויס טראַגעדיע . . .
אונד דיא מוזיק שפּיעלט . . .

# איך בין אַ לײדי

צו זינגען מיט דער מעלאָדיע פון ענגלישען ליעד
MY COAL BLACK LADY
ספעציעל געשריבען פיר
מ אַ ד אַ ם   ט אָ מ אַ ש ע װ ס ק י

I.

מײן פרײנדין איז אַ לײדע
און דער פון איז גאָר קײן רײדע
אַז זי לעבט אַ גוטען טאָג.
איהר פעלט קײן עס קײן טרינק ניט
װײל זי שפּאָרט קײן מאָל קײן װינק ניט,
דאָס פערשאַפט איהר פרײנד גענוג
זיא קלײדט זיך און זיא זאָרגט ניט,
חאָטש זי לײהט ניט און זיא באָרגט ניט,
דאָך איז פרעמדס אַלץ װאָס זי טראָגט.
און װען איך הער זיא רײדען,
לאַכט זיא אָפּ פון אַלע מײדען
און בעריהמט זיך נאָך און זאָגט:

איך בין אַ לײדע
און לאַך מיך אויס פאַן יעדע
מיר פעלט קײן זאַך ניט ניין, ניין, ניין,
װײל איך װײס מיך װיא צו בעגעהן,
מען רופט מיך קײדע
און איך בין אַ לײדע
און װײס מיך אימער װיא צו בעגעהן.

II.

אין פּאַרק שפּאַצירט מײן לײדע
און אויף בעללער איז קײן רעדע
אַז זיא איז די ערשטע דאָרט.
דען אויגען גלעזער טראָגט זיא
און אויך סיגאַרעטלעך סמוקט זיא
װיא עס פּאַסט פאַר אַ לײדי ספּאָרט.

אויך פֿאַרב און פּוידער פֿעהלט ניט,
ווייל אַן דעם איז גאָר קיין וועלט ניט,
יאָ, דאָס איז שוין איין אַלטער כּלל.
ווער רעדט שאַמפּאַניער טרינקט זיא
און אויך ליעבעס ליעדער זינגט זיא
און געפינט זיך איבעראַלל.

איך בין אַ ליידע
דאָס פֿאַרשאַפֿט מיר פֿריידע
איך האָב קיין זאָרג ניט ניין, ביין, ניין,
ווייל איך ווייס מיך וויא צו באַגעהן.
מען רופט מיך קיידע
און איך בין אַ ליידע
און ווייס מיך אימער וויא צו בעגעהן.

III.

אַ ליעבע שפּיעלט מיין ליידע,
נאָר דער פון איז גאָר קיין ריידע
אַז זי האָט אָנשטאָט איינעם, צוויי.
זיי ברייגנען איהר אַנטיקלעך,
און זיי זיינען איבערגליקליך,
ווען זי רעדט אַ וואָרט מיט זיי.
וויל איינער זיא בעגלייטען,
האָט זיא מורא פֿאַרן צווייטען,
עס קען ווערען אַ טרויער שפּיעל.
און ווען איך פֿרעג איהר קיידע:
זאָג, וויא קענסט דוא ליעבען ביידע?
ענטפֿערט זיא מיר אין דער שטיל:

איך בין אַ ליידע
און לאַך מיך אויס פון ביידע,
איך קער פֿאַר זיי ניט ניין, ניין, ניין,
איך קען מיך אויך אָן זיי בעגעהן.
איך נעם פֿאַן ביידע,
און שיק זיי צו מיין זיידע,
איך ווייס מיך אימער וויא צו בעגעהן.

# ער איז געווען אזוי גוט צו מיר

געזונגען מיט דער מעלאָדיע פון ענגלישען ליעד
"He cert'ny was good to me".

ספעציעל פערפאַסט פיר דעם בעריהמטען קאָמיקער

א. פישקינד

— איך וועל דאָס ניט פאַרגעסען, ניין, דאָס איז דאָך קיין שפאַס,
— דערצעהלט דאָרט אַ מיסעס איהר שכנה אויפ'ן גאַס, —
אַז מיר זאָל דאָס פאַסירען, אָ דאָס האָב איך ניט געטראַכט,
מיין באָרדער זאָל פאָן מיר, אַוועק אין מיטען נאַכט,
מיט מיר זיך ניט געזעגנען, אָ דאָס איז דאָך אַ שקאַנדאַל,
און זאָל נאָך פערנעהמען מיין גאַנצען קאַפיטאַל,
מיין קעש געלט און מיין דזשולערי, אַוועק וויא מיט'ן ווינד,
ער, וואָס האָט מיך ליעב געהאַט וויא אַ קינד . . .

ער איז געווען אַזוי גוט צו מיר, ער איז געווען אַזוי גוט צו מיר,
וויא זאָל איך איהם ניט גלויבען, אַז ער איז מיר טריי,
אַז אַללעס וואָס איך האָב איז געווען פאַר איהם פריי,
און ער איז געווען אַזוי גוט צו מיר, שטענדיג אַזוי גוט צו מיר,
היינט וויא זאָל איך איהם ניט גלויבען פריהער, ווען ער איז
געווען אַזוי גוט צו מיר.

●

— אָ זאָג מיר, טאָכטער מיינע, — בעט אַ מוטער אַ קינד,
דו האָסט דאָך בעגאַנגען אַ שווערע גרויסע זינד,
דאָך קען איך אַלץ ניט זאָגען אַז דו ביסט ניט ליעב ביי מיר,
דערצייל זשע מיר טאָכטער, וואָס האָט פאַסירט מיט דיר?
אַז מען דאַרף קיין מאַנסביל טרויען האָסטו שוין פיעל מאָהל געהערט,
און אַז אַללעס וואָס ער שווערט צו איז גאָר קיין סענט ניט ווערטה,
— אָ, מאַמאַ, כ'ווייס דאָס אַללעס, דאָך, האָט ליעבע מיך בעטויבט,
איבערהויפט אויף איהם האָב איך דאָס ניט געגלויבט.

דען ער איז געווען אַזוי גוט צו מיר, יאָ, שטענדיג אַזוי גוט צו מיר,
אַז מיט סאַמעט און מיט זיידענשטאָף האָט ער מיין לייב געצירט,
און אויף בעלער און קאָנצערטען פיעל האָט ער מיך אומגעפיהרט.
און ער איז געווען אזוי גוט צו מיר, יאָ איממער אַזוי גוט צו מיר,
היינט וויא זאָל איך איהם ניט גלויבען פריהער, ווען ער איז
געווען אַזוי גוט צו מיר.

●

אַ מיידיל קומט אַ היים פאָן באָל אַ שטיק נאָך האַלבע נאַכט,
דאָך נעהמט איהר קיין שלאָף ניט, זיא ליגט אין בעט און טראַכט:
דיא היינטיקע בעקאַנטשאַפט וועט שוין מעהר ניט זיין אומזיסט,
כ'האָב — דיינק איך געפונען דאָס וואָס מיר האָט געגלוסט . . .
אַז איך בין איהם געפעלען, דאָס איז גאָר קיין ריידע ניט,
דאָס קען איך מיר שוין דיינקען ווייל ער האָט מיך פיין געטריט.
געזאָגט מיר אָפען אז איך בין דיא שענסטע אויפ'ן באָל,
און איז אַרויס מיט מיר געאַרמט פאָן דעם זאָל.

און ער איז געווען אַזוי גוט צו מיר, יאָ עפּעס אַזוי גוט צו מיר,
געקושט האָט ער מיך פיעל מאָהל, נור דאָס האָט איהם מיה געקאָסט,
דען איך האָב מיך כלומר'שט גאָר פאָן אָנפאַנג ניט געלאָסט,
און ער איז געווען אַזוי גוט צו מיר, יאָ, עפּעס אַזוי גוט צו מיר,
אָך, מיר האָט מיין הארץ געזאָגט שוין פריהער, אז ער וועט זיין
אַזוי גוט צו מיר.


mensh-heit sich plo - gen in qwa - len von leid un von
shmerz! Wie sol den mein kloglied ent - shwee-gen yetzt we - ren, wie
sol den nit trif - fen mein blut? Dich seh-en-dig im-mer sich
bo - den in tre - ren, du mensh wos du shafst all das gut.

# MEINE GEFÜHLE.

Words by I. REINGOLD.

Music by G. MENDELSOHN.
Arr. by E.K. HEYSER.

INTR.

ANDANTE.




dar - ben, sei füh - len dem kum-men - den schnee, Du
rit.
sehst wie die blü-me-lech shtar - ben das flüs-tert der frühling ad-
rit.
ye!
f
pp

# AUF'S WIEDERSEHEN.

Gedicht von I. REINGOLD. Music von D. LIPSCHUTZ.

INTROD.



# BEI DER BABY'S VIGELE

Words by Isaac Reingold | Music by G. Mendelsohn

Special arrangement by Jean Weinstein



# BEI DER BABY'S VIGELE

2.

Speter wet es shwerlich sein,
Yessurim fun altsding,
Wellen westu ehrlich sein,
Un dertzu begehrlich sein,
Oi dos is nit gring!
Lieb is dir dein tzeltenyu
Zolang du bist noch blind,
Un kennst nit unser weltenyu
Wu men ferkoift far geltenyu,
A man, a weib, a kind!

3.

In a welt wu robeven
Muz der wos will sein reich.
Der wos kenn nor habeven,
Shwindlen un berobeven
Der lebt firsten gleich.
Un dienendig, ferdienendig
Mit mih' un ehrkichkeit
Bleibt menn immer dienendig,
Bis menn fallt, gefinnendig
A kever far der zeit!

4.

Tzeil die fiele shterelech,
Zum himmel kik aroif,
Fiel mehr fliessen trerelech,
Dribne du, wie perellech,
In unser lebns loif.
Lieb is dir dein vigele
Un eingenehm dein tzelt.
Nu shlof mein golden tzigele,
Un troim nit bei dem nigele
Fun unser falshe welt . . .

# MASHINDELACH

Words by Isaac Reingold

Special arrangement by Jean Weinstein



# WENN ICH VOLT FERSTAHNEN

Words by Isaac Reingold

Music by G. Mendelsohn

Special arrangement by Jean Weinstein




bin ich nit in hois! A weib un a da - me - le A dienst un oich a
Oi 's is kein kleinig- keit Ich swer eich bei a
ma - me - le All - es, all - es kumt doch on mit shwe - re noit,
rein -ig -keit, Az lie - ber is zu blei - ben noch a moid.

# A YOHR NACH DER CHASUNAH

Words by Isaac Reingold
Special arrangement by Jean Weinstein

Tune: Der Rabbi's Nigele
(from Chachmas Nashim).





O troi - men - der shle - fer Ihr halt in ein shlof!
O zogt - zhe mir troi - mer Zogt, wos wet sein der sof!

# WOS WET SEIN DER SOF?

Words by Isaac Reingold

Special arrangement by Jean Weinstein



# BEI DIE TEICHEN FUN BAVEL

Special arrangement by Jean Weinstein

Words by Isaac Reingold | Music by Hermann Fiedler



A few of Reingold's publications of his own songs and lyrics. Center, all the songs from the Opera 'Al Neharos Bavel,' with a picture of the popular soubrette Madame Fannie Brown. Right, an old print of Boris Tomasheffsky. Upper right, Reingold's first collection of poems — 'A Bintel Blumen'.

**PAGE 25**

Then how can I help loving that man?
Let someone try to top this, if he can—
The second year we're married, didn't catch a beating once!
He goes for me to the butcher shop and the grocery store,
And sometimes he even scrubs the floor!

**PAGE 27 — MEIN WEIB'S WUNDER**

Now if with me you'd be conversing
I have barely a minute to mention!
I am now a totally different person;
To my words millionaires pay attention!
In all the cliques I am very well known,
In every lodge I'm a brother,
In one of 'em I'm president,
The treasurer in another.
I'm also a master in politics
And well acquainted with all the tricks.
    My counsel is eagerly courted!
If Republican runs dry
Then the Democrats I try—
    Whoever can best afford it.

**PAGE 28**

I may well be proud even if I've no 'net worth';
Since Unionism has spread over the earth
There's a Union odor about all that I own.
On everything I wear there's a Union-label shown.
No scab-goods for mine! I'd rather do without!
On every opportunity for Unionism I spout.
It's Union bread, with Union meet whenever I can—
In short, I am a Union-man!

I even have a Union wife!
My family increases at a Union pace,
And a Union label on each new face.

**PAGE 15**

Then in my grave I'll be hidden,
Unseeing, unfeeling, to miss
The triumph of freedom, unbidden
To give voice to humanity's bliss!

**PAGE 16**

For me no flower has ever bloomed.
For me no springtime, no summer.

**PAGE 16 — MEIN MSHUGAS**

But I only like a mourner
Drench the earth with heavy tears.

**PAGE 16 — DER REGN**

My darkened, dreary life, whose warmth
Is already half-congealed.

**PAGE 16 — AVENDS ZEIT**

When my lamp begins to sputter
Slowly, slowly sinks to sleep,
Then lost in thoughts I cannot utter
I sit alone, I sit and weep!

**PAGE 17 — FUN GLOIBN ZUM KAMF**

I take the field against the ones who rob us,
In manly combat for the rights of humans.

**PAGE 17 — DER ARBETER POET**

For whatever I see in the gloomy old shop
Just adds to the gloom of my sorrowful thoughts
And even the boss, the chief 'sweater' himself
Tugs at my sorrowful heart, and I weep.

**PAGE 19 — WENN ICH WOLLT VERSTAHNEN**

If I could only capture the rapture of the bird
That soars above the sails, and from the shore is heard;
If I could understand the sighing of the breeze,
I would rejoice, though child of earth, to be as free as these!

**PAGE 20**

I know that my sun is descending;
Let it sink then, and darkness surround me!
For this hateful existence, now ending,
In unbearable fetters has bound me!

**PAGE 20**

Oh then when all the nations
Will joyfully fuse into one,
And all people will worship together
At the shrine of Truth alone!

**PAGE 21**

Gathered, collected through many years long,
These are some old pages scrawled over with song,
These are my poor poems, my sorrowful bequest;
To my people, my brethren forsaken, I leave them!
But if there is no one who cares to receive them,
Let the Chevra Kadisha be charged with the burden
With me along in the grave to inter them!
For if my sad poems be deemed of no worth,
They merit, at least, a few spadefulls of earth!

**PAGE 24**

I'm a girl not bad-looking and I am no fool, what's more!
I believe I am entitled to a good man on that score;
Yes, I don't deny I'm looking for a man.
I want a man! I girl by her 'lonesome' is a very foolish plan!
Oh people, look, I want a man! I'd rather not be single if I can.

Bin, sogt er, beshaffen zum washen un zum sheieren,
Zum kochen un derlangen alts zum tish!
Kom shrei ich, er zoll ohn mir nit gehn,
Nu, heisst er mir shreien oif die zehn'.
Er choppt sein hut, sein steckele,
Un lost mich mit dem breckele.
Ich sing a troir-nigele fun heller hoit!
Es weint un shreit dos pitzele,
Du helfft kein wort, kein shmitzele,
Oi, lieber is zu bleibn gor a moid!

## TRANSLATIONS

**PAGE 12**

Has it ever been seen on the face of the earth —
What horrible fires enmesh us —
That a live human being be deemed of no worth,
But a cat or a dog should be precious?

The honor of women is peddled for gold!
The anguish of babes who can stand?
God! If you are the master of all, as I'm told,
I'm unable to follow your plan!

**PAGE 13**

Tremble, quiver, oh ye wicked!
Your inferno is blazing up!

Everything which stands against
The worker desperate in his fight
Will be smashed beyond defense
In his iron-fisted might!

**PAGE 13 — YUDEL PROLETAR**

Cold and gloomy is his room,
Its walls are sooty-black;
Yudel wakens to his doom
And yields to the cruel rack!

Of all bright things entirely bare
Was his life of laborious pain;
His only marketable ware
Was the power of his hand and frame.

But even this was quickly spent
In the desperate struggle for bread!
To enrich the boss his power he bent
For himself he earned a death!

**PAGE 14 — WOS WET SEIN DER SOF**

O miserable worker, slave without voice,
To help you how does one begin?
They rob you of freedom, they pilfer your rights,
And you can't see the condition you're in!

O somnolent dreamers, you are lost in a trance!
Tell me, ye dreamers, will there yet be a chance?

**PAGE 14 — MASHINDELACH**

Spin little wheels, row on row,
Finish garments, stitch and sew,
Little bosses, gloat and crow
On our work you fatten so!
Little worker sob and sigh,
Hurry, hurry, soon to die!

Dos sein' meine oreme, klegliche lieder.
Ich los es mein folk, meine elende bridder,
Nur oib zei gefhelt nit mein oreme yerushe
Dann los ich es iber der Chevra Kadisha,
Un bet, az oib 'swill es keiner nit hobn
Mit mir sol es wern in kever begrobn,
Denn oib main gesang hot shoin gor kein shum wert
Ferdient es noch immer a klein bissl erd!

## A YOHR NOCH DER CHASUNAH

*(Music Page 121)*

2.

Wu zeinen meine glicken, wos hob ich mich geyogt?
    Getroimt fun 'Nuch a Chasunah', gehofft oif glick!
A mann hobe ich gekrigen, oif soinim nor gesogt,
    A shod wos choppen kenn ich nit zurick!
Gemeint hob ich avahde, lieb hot mich mein teierer,
    Ich hob doch ihm azoi fiel mieh gekost,
'Chvell lebn nuch der chasunah, glicklicher, freierer,
    Zum sof hot sich a boidem oisgelost!
Noch eder ich hob mich arumgesehn,
Ich kenn doch shoin mehr in gass nit gehn!
    Beshert fun Gott a ziebele
    A kind grois wie a tsibele,
Fun dem kleinem nefeshl hob ich dem toit!
    A cattarl, a hustele,
    Es weint un zieht dos brustele,
Oi, lieber is, zu bleiben gor a moid!

3.

Der mann kommt sich zum grehten, wos weiss er wie ich leid,
    Er esst sich ob die wetshere un dreht sich ois.
Ich dertzeil ihm meine tsoress, nor chotsh mit messer shneid,
    Dos kind will er nit nehmen oifn shois!
Geht stendig in teatr un nemmt a seet a teieren,
    Doch mich, mit sich mitnehmen, will er nish'

# DEM DICHTER'S ZAWAEH

## (The Poet's Bequest)

Es yogn un ziehn un eiln un shwebn
Die letzte ferzweifelte teg fun mein lebn;
Zei yogn un ziehn un eiln un fliehn,
A sof zu mein plogn sich, leidn un miehn!
Der toit, mein erleser, steht hart mir zu kopns,
Un fliesst in mir ein seine giftige tropns.
Ich seh ihm, ich fiel ihm in yetwider ever,
Er winkt mir, un zeigt mir a fertign kever.
Er zogt mir: herr ois! s'is mein letzte hassroeh,[1]
Shreib ob dein fermegn, mach gret dein zavaeh,
Bestim deine yorshim,[2] zog vidu[3] a por blettlech.
Nu! mach es geshwinder, denn bald wert es spetlech!
O ebiger toit, du erleser fun leidn,
Ich kenn dich nit meidn un will dich nit meidn,
Bin elend un einzam, bin krank un geboign,
Ich kuk dich ois, toit, O mit toisender oign!
Doch wos a zawaeh? Wos los ich den iber?
Wos bleibt noch mein toit um zu streitn deriber?
Wos darf ich bestimmen? Wos hob ich zu shreibn?
Noch mir, O noch mir wet kein reichtum nit bleibn!
Ashirus?[4] Wie komt zu ein elenden singer—
A yiddishen singer wos geht ois fun hunger?
Du machst fun mir choizik! Du spotst fun mein dalles![5]
O ebiger toit, du erleser fun alles!
Doch, wart nor, ich los etwas iber, O her' es,
A teiere schoire, yo, teier! ich shwer es!
Ich hob es durch yohrn gezammelt, geklibn,
Dos sein' a por blettlech mit lieder beshribn,

---

1. Hassroeh: Warning
2. Yorshim: Heirs
3. Vidu: Final Confession
4. Ashirus: Wealth
5. Dalles: Poverty

APPENDIX

# ICH BIN A YID

1.

Ich bin a Yid, ich bin a Yid,
Fir Tzion lost mich singen!
Yah, singen un nit weren mid
A heiss-begeistert Tzion lied
Es zoll die welt ferklingen!
Megn toisend andre funken
In mein buzem glihen,
Ich bin a Yid, a Yid bin ich,
Dem welt-shmertz los ich unter sich,
Wenn ich dermon mein foterland,
Wenn ich dermon on Tzion!

2.

Wie tief mich rihrt der welt's geshrei,
Un wickelt mich in shmertzen,
Doch, dem Yidden's lage, weh!
Ligt nehnter mir am herzen!
Ich sing fir freiheit, sing fir freed,
Un doch, ich bin un bleib a Yid,
Un mein shenste, besste lied,
Well ich vidmen, well ich mihen,
Fir mein foterland, fir Tzion!

3.

O Tzion, warf arop dein troir,
Zol dein weh ferstummen;
Bald kummen freiden in dein moier,
Deine liebe kummen!
Meg der gang sein doppelt shwerlich
Meg der weg sein wie gefehrlich,
Meg a welt mit gegner brummen,
Zay kummen doch, zay kummen!

In these pages, finally, we relive the life of one who was made for poetry, for the beauties of nature and the sensitive things in life, — a tender shoot crushed by the hob-nailed boots of relentless events before he could develop the full flower of his capacities. In the story of his sufferings we mourn those accidents of history which most often receive their poignancy from that streak of inhumanity to man which, unfortunately, is still latent in so many of us. In the buoyancy of his spirit, the perennial burgeoning of the irrepressible lyrical personality, on the other hand, we salute that spark in man termed divine which raises him above the brute and laughs to scorn merely mundane hardship. After sixty years the songs of Isaac Reingold are still sung. And on the eve of the fiftieth year of his passing we now present a collection of his work to preserve in readily apprehendible form a spirit not unworthy of the company of the great voices of the past.

Dos weib zeins iz glicklich, es fehlt ihr a hor nit,
Geht Shabes in zeid un in samet gekleidt!

*(Zeh Yudel Dem Pedler)*

See the Union-Man sporting his new union button like a Legion of Honor decoration:

Ich meg stolzieren chotsh ich hob kein gelt
Zeit unionism hot ferspreit die welt
Mit union shmekt alles wos ich fermog,
A union label oif alles wos ich trog.
Kein 'scab-goods' nit wen zogar a noit!
Ich ess union fleish, ess union-broit
Un red far unions oif a yeden span,
Hakllal,* ich bin a union-man!
Ich hob afillu a union-weib!
Union-messig mehrt zich mein gezind',
A union label oif a yeden kind!

*(Der Union-Man)*

* * * * *

In the pages of Reingold's Selected Songs and Poems we live over again a few moments in the history of our country and see the beginning of another chapter in the tortuous life of the Jewish people. We also note the earliest beginnings of comprehensive world movements and ideologies which, in the span of two generations grew from tenuous dreams to world-shaking dramas. Socialism and communism developed from utopian ideas in the minds of a few individuals to claim half the world, including the most powerful countries of Reingold's day. Zionism emerged from a faint hope to a hard reality, and the children of the sweat-shop generation have become the prosperous business men, the doctors and lawyers of our cities.

* In short.

Men rufft mich Kehde
Un ich bin a lehde
    Un weiss mich immer wie zu begehn!

*(Ich Bin A Lehde)*

See 'Lezer the tailor's boy' as Mr. Lazzer the bustling man of affairs in 'Mein Weib's Wunder':

Yetzt wen ihr wet welln redn zu mir
    Hob ich kein zeit zu herrn;
Bin gor nit der zelber mentsh wos friher,
    Mich achten millionern!
In lodzhes bin ich bekannt
    A ganzer redl-fihrer,
In einem bin ich president,
    In a zweiten der kassirer.
    A held in politik
    Un weiss a yeden trik
    Un hob a groisse dehe!*
Zohlt Republikan nit glatt
Wer ich a Demockrat,
    Abi nor die matbehe!**

*(Mein Weib's Wunder)*

But why cannot Yudel the Peddlar's wife prevail upon her husband to get wise and follow such a worthy example?

Wie lang westu Yudel arumgehn un peddlen
